ה׳ „Radomer-Kielcer Leben“ 16 (766) — Opłata pocztowa — uiszczona ryczałtem. XVI·טער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

ראדאמער-קעלצער לעבען

Radom, dnia 21 kwietnia 1939
ראדאם, פרייטאג ב. אייר תרצ״ט
טעלעפאן פון רעדאקציע 18 - 15

אבטיילונג פאר קעלץ

אבטיילונג פאר אסטראוויעץ אפאטאוו, ווירשזבניק
און סביבה

ווילט איהר זיך בעפרייען פון דער פל
טאָ נוצט נאָר דאס וווירקזאמסטע
פליגען - פאפיר
פון די בערימטע פירמע
„בענגאל“ אין לובלין
וועלכע איז בעשאנקען געוואָרען מיט א גאָלדענעם מעדאַל אויף דער פאריזער אינטערנאציאָנאַלער אויסשטעלונג פאַר איהר בעסטער קוואַליטעט און גוטער אויסאַרבייטונג.

פערטרעטער אויף דער קעלצער וואָיעוואָדסטווא זענען:
יצחק ניימאן און **נחום פרידמאן**
אין ראדאָם.

טעאטער „ראזמאַיטאָשטשי“

ש ב ת דעם **29 אַפריל** ה. י. **פינקטליך האלב 9 אָוונט**
א
פייערלעכער קאנצערט
פון בעריהמטען פידעל - ווירטואז
שמעון באַקמאַן
אויפן זעלבען קאָנצערט טרעט אויף אויף דער באַקאַנטער וויאָלאָנטשעליסט **איזאאק באקמאן**
און דער אויסגע- צייכענטער פיאַניסט **מ. וויינבערג**
אין פּראָגראַם: **טשייקאָווסקי, ברוך, בלאך, וויטאַלי, בעטהאָווען און אנדערע.**
פאָרפאַרקויף פון בילעטען אין דער קאָלעקטור פון „ווייסעלפיש“ זשעראָמסקי 29 און אין דער געז. „טאז“. זשעראָמסקי 13
די גאנצע הכנסה איז באַשטימט פאַר דער זומער - קאָלאָניע אין גאַרבאַטקע פון היגען „טאַז“.

לש״ב מרת **יהודית מילער**
לנשואיה עם מר **שמחה מאיר לבינסקי** בתל-אביב
ברכות מאליפות מקרב ולב
יהא רעוא שצעדם זה יהיה מאושר
ויזכו לבנות את ביתם בשלוה בארץ-ישראל.
לאה ומאיר הערץ ומשפחתם

צו דער חתונה פון פר״ל.
יהודית מילער
מיט ה׳
שמחה לעווינסקי
תל-אביב
ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען
קאַמיליע ראָזענבלום
רדום.

צו דער חתונה פון פרל.
יהודית מילער
מיט ה׳
שמחה לעווינסקי
ווינטשען מיר א הארציגען מזל טוב און פיעל גליק
משה סאַנקעוויטש אין פרוי און טאָכטער שרה׳לע. חיה׳לע און הלל האפטארטשיק

א הארציגען מזל טוב ווינשען מיר אונזער ליבע קוזינקע
יהודית מילער צו איהר׳ חתונה מיט ה׳ **שמחה לעווינסקי** אין תל-אביב
מיר ווינשען זיי א גליקליכע צוקונפט און אייביגע צופרידענהייט אין יודישען לאַנד וואו ס׳זאל הערשען פרידען.
באַלטשע און **ישראל פלומען**
און **זוו״ננעלע** לובלין

די פאנדען פון קרן - היסוד גנוה״ען
אויף קאלאניזאציע, אויפבוי, בעפעסטיגונג און אויף שוץ פון ארץ - ישראל.

KANTOR WYMIANY
M. WAJSELFISZ
RADOM, Żeromskiego 29.
przyjmujemy zapisy
na 5% Pożyczkę i 3% Bony
Obrony Przeciwlotniczej

SZKOŁA
Kierowców Samochodowych
Sławomira Supronowicza
Radom, Koszarowa 3
uczy tanio i solidnie.

Najlepsze, najmilsze i najtańsze prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
kuchenki, żelazka grzejniki do rurek poduszki i inne
Do nabycia na dogodnych warunkach w
Radomskim Towarzystwie Elektrycznym
Sp. Akc. w Radomiu ul. Traugutta 53

Spółdzielczy Bank Pożyczkowy Witolda 2
(ציוניסטישע באנק)
נעמט אן
די סובסקריפּציע פון די 5% הלוואה פאר פליה פערטיידיגונג און אויך די 3% באנעס
די ביורא איז טעטיג א גאנצען טאג
די באנק האָט בעקומען די רעכט אָנצונעמען די רעגירונג - סובסקריפציעס און בעט אַלע יודישע בירגער אין ראדאָם זיי זאָלען צייכנען די הלוואה.
אונזערע מיטגלידער ווערען אויפגעפאָדערט צו צייכענען די הלוואה אין
Spółdzielczy Bank Pożyczkowy Witolda 2

א הערצליכען מזל טוב ווינשען מיר אונזער ברודערן-טאָכטער
יהודית מילער
צו איהר חתונה מיט ה׳
שמחה לעווינסקי
זאל זיי גליק תמיד בעגלייטען אין לאנד פון דער יודישער צוקונפט.
לייביש און ריווטשע קופּערמאַן און קינדער.

צו דער חתונה פון אונזער ליבע שוועסטער און שוועגערין
יהודית מילער
מיט ה׳
שמחה לעווינסקי
ווינשען מיר א הערצליכען׳ מזל-טוב מיט א סך גליק און צופרידענהייט אויף זייער נייעם לעבענס - וועג
וועלוועל און גאָלדע וואַרשאַווסקי און פאַמיליע טוכעדניאָוו

ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נייע גאַרדעראָבעס, שניי - ווייסע פאָרהאַנגען,
גיעט נאָר צו וואשען און פארבען אין דער בעקאַנטער
כעמיש׳ער פארבערײַ און פראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע
A. Hempel
Centrala **Stare Miasto 7** telefon 19 - 70
Filje **Zeromskiego 1**
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11
ווער ס׳האָט זיך ניט איבערצייגט זאָל פּרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שנעלער, עקסטעטישער און פאַכמענישער ארבייט. ס׳ווערט אויך געוואַשען אויף טריקען — ביליגע פרייזען! — פינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאנדלונג קומט און איבערצייגט אייך
צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אַפּיז. טעל 70 - 19
פיליעס: זשעראָמסקי 1 טראוגוטטא 11
זשעראַמסקי 21, זשעראַמסקי 59
ביליג צו וואשען קאפעלושען

אפענער בריף צו די ראדאמער יודען (*

יוזעף בעקערמאן.

ווען עס קען מיך נאר אין ראדאם ווייס אז אלע מאהל האב איך מיך גע-האלטען אין דער זייט, נישט ארויסטרע-טענדיג עפענטליך אויף קיין פערזאמ-לונגען און מיטינגען, נישט שטרעבענ-דיג נאך לארבער-קרענץ און כבודים פון געזעלשאפטליכער נאטור.

ווי באלד יעצט מאך איך יא אן אויסנאהם, שטעהענדיג שוין נאהנט ביים קבר און ווענדע מיך צו דער יודישער געזעלשאפט אין ראדאם, איז עס דער-פאר, ווייל איך בין אין דער איבערצייגונג, אז ס'האט אריינגעטרעטען אזא ווענד-פונקט, וועלכען איך קען נישט פער-שווייגען.

איהר לייענט צייטונגען און ווייסט וואס אויף דער וועלט געשעהט און וואסערע צוקונפט גרייטען צו די איי-ביגע שונאים אונזער לאנד, אונזערע יעצטיגע און צוקונפטיגע דורות. און צום אלעם ערשטען — די יודען. אויב זיי שטרעבען אויך אונזערע מיטבירגער די סלאוויאנער צו פערדרענגען און צו פערוואנדלען זיי און זייערע וואסאלען אויפ'ן מוסטער פון טשעכען — יודען ווילען זיי ביז צום גרונד פערניכטען, נישט מיט אמאהל, ווייל אזוי איידעל, מוטיג זענען זיי נישט, נאר דורך שטו-פענווייזער און פאמעליכער טויטונג. ליגען איז ווען זיי זאגען, אז זיי ווילען פון יודען פטור ווערען, ווייל: פארוואס לאזט מען זיי נישט ארויס, און פארוואס העצט מען די גאנצע וועלט געגען זייז קרייצריטערישע אבנארעריי!

פרעגט אן די היסטאריע-קענער פון דער יודישער געשיכטע, אויב אויפ'ן גאנצען שטח פון די געשעהענישען האט עגזיסטירט ווען עס איז, אזא גרויזאמער, ריקזיכטסלאזער און נקמה-נעמערישער שונא?

המן האט געוואלט פערניכטען דעם גוף, אבער נישט פייניגען; דער פאנא-טישער אינקוויזיטאר אין שפאניען האט פערלאנגט אומקערען זיך אויף זיין אידעע, פערזיכערענדיג א צוקונפט'ס-לעבען. די פער'שכור'טע און געדאנקענ-לאזע באנדעס פון כמיעלניצק'ען האבען אויסגעשחט'ען אין א חיה'שען געאייל אבער דער יעצטיגער שונא אין זיין איינרעדעניש, אז ער שטעהט אויף די הויכקייטען פון דער „קולטור". האבענ-דיג אונטער זיך אוניווערזיטעטען און פראפעסארען — ער דערשלאגט נישט מיט אמאהל, ווירקט קאלט-בלוטיג מיט זיין שטייגער לויט א סיסטעם און מע-טאדע, מיט א קלייניליכקייט פון א בעל-פער, וואס ער האט נישט אויפגעהערט צו זיין, נעמט ער אוועק זיין קרבן אלעס: דעם גוף, די נשמה און פערמעגען. און וואס איז הונדערט מאהל אמערגסטען, וואס קאן נישט קיינמאהל געשענקט ווערען — די מענשליכע ווירדע.

ער שטויסט אראב ביז דער קאטע-גאריע בעשעפעניששען, וועלכע עס קומט נישט קיין מענשען-רעכט און מיט בע-גריפען פון פאלשע דאקומענטען מאכט ער אנשטעקענד די גאנצע וועלט ארום זיי טרעפען נישט נאר אין אונז יו-דען, נאר אין די אלע, וועלכע געהע-רען נישט צו זייער פערכאפערישע ראסע, אזוי געדופענע, „הערענפאלק". וועה איז אונז אלע, ווי איז דער איי-ראפעאישער ציוויליזאציע ווען דאס שרעקליכע אומגליק, זייער הערשונג וואלט געהאנגען איבער דער וועלט. דערוואַרט נישט פון זיי קיין פארדאן, קיין רחמנות. נישט לאנג איז דאך פאר-אויסגעזאגט געווארען אייך א אלגעמיינע פערניכטונג.

ס'האט אריינגעטרעטען א מאמענט, ווען יעדער וואס וואוינט אויף דער ערד, קאן געבען א בעוויי, אז ער איז צו איהר איבערגעגעבען; אז נאהנט איז אים דער גורל פון דער ערד אין וועלכער עס רוהען פון יאר-הונדערטער די געדעכענישען פון זיינע זיידעס, און וואו עס דארפען די קונפטיגע דורות זיינע ארויסוואקסען.

יעדער, וואס קאן זיך מיטבאטייל-יגען צום בעוואפנונג פון דער ארמעע, וועלכע וועט אין נויטפאל דאס לאנד און אונז פערטיידיגען, קעמפענדיג פארן פאטערלאנד. וועט גלייכצייטיג שטיין אין שוץ פון דער ציוויליזאציע געגען בארבאריזם.

לאזט נישט צו דעם פארוואורף פון קארגשאפט אין אזא אויטנאהמס-מאמענט פון געפאהר. ווארום נישט דער פערבע-האלטענער גראשען קאן, אויף גוט'ס ארויספיהרען און טייער קאן מען פאר אים בעצאהלען. ס'איז מיר גוט בע-וואוסט, ווי שווער יעצט איז אויף דער וועלט, באזונדער דעם יודען, א גראשען צו פערדינען. אבער דער הייליגער פליכט שטייגט איבער אלץ.

געדענקט אין דעם היסטארישען מא-מענט, אז איר פערטיידיקט זיך זעלבסט.

א טייל פון אונז באשטייערט זיך מיט בלוט אין קאמף פארן מענשליכען אידעאל געגען געוואלט און איבערמאכט. די איבעריגע, וועלכע די שוואכקייט האט זיי געמאכט נישט פעהיג צום קאמף מיט'ן וואפען, בעדארפען געבען אויסקויף ווי מעגליך זיי זענען ביכולת.

אפט איז מיר אויסגעפאלען צו הערען פון אייך, ראדאמער יודען, אז מיין פאמיליע, וועלכע רוהט פון לאנג אויפ'ן בית הקברות, האט פיעל פאר דער גע-מיינדע געשאפען; איהר רעכענט אויס: שפיטאל, שוהל, מושב זקנים, בית עלמין כ'ווייס איהר גלויבט אין דעם זכות-פערדינסט פון די עלטערען „זכות אבות".

פאר'ן גרעסטען זכות און פערדינסט וואלט אמ'חשוב'סטען געוועזען פאר מיר ווען מיין שטימע וואלט דערהערט און אנגענומען געווארען.

יודיש:

שלמה יואנכאצקער

*) אויפן אויסדריקליכען פערלאנג פון אויטאר, וועלכער בעט, אז זיין ארטיקעל זאל אויך זיין געדריקט אין דער יודישער שפראך, אין אונזער צייטונג, האבען מיר עס איבערגעזעצט פאר אונזערע לעזער. רעד.

Z intencji zaślubin przyjaciela naszego

Leona Ajzenszmidta

z p.

Lolą Pinesòwną

życzą dużo szczęścia

Izaak Korman,
Josek Szrek.

Z intencji zaślubin koleżanki

panny Rózi Lejmanówny

z p.

Beniaminem Frajdenrajchem

wiele szczęścia i zadowolenia

życzą

Mełamedowie, Lindzen, i Katz.

Stowarzyszenie Kobiet Żydowskich

„WIZO" w Radomiu

świadome swych obowiązków wobec Państwa przystępuje do akcji na rzecz F. O. N.

W najbliższych dniach nasze panie odwiedzą tutejsze sfery kobiece i jesteśmy pewne, że spotkamy się z odpowiednim zrozumieniem.

sekretarka H. Wajngartówna — Komitet.

פרויען געזעלשאפט «וויזא»

אין ראדאם

בעוואוסטזיניג פון הייליגען פליכט פאר דער מלוכה טרעט צו צו דער אקציע לטובת F. O. N.

אין דער נאהנסטער טעג וועלען אונזערע פרויען בעזוכען די היגע פרויען קרייזען, און מיר זענען איבערצייגט, אז מיר וועלען זיך טרעפען מיט דער געהעריגער פערשטענדניש פאר די זאך.

די פערוואלטונג.

יודישע וועהלער, קאנטראלירט די ליסטעס,

צי אייערע נעמען זענען דארט אריינגעטראגן געווארן

היינט און מארגען האט איהר נאך צייט נאכצוזעהן אייערע נעמען אין די וועהלער-רשימות.

נאר צוויי טעג זענען געבליבען צו קאנטראלירען די וואהל-ליסטעס. ס'איז דעריבער א חוב אויף אלע יודישע וועהלער צו געהן אין די וואהל-קרייזען, כדי צו זעהן, צי זייערע נעמען פיגו-רירען דארט. דאס איז דער ערשטער שריט, וואס דער וועהלער ברויך מאכען. ער איז מחויב קודם-כל צו זיין געזי-כערט מיט וואהל-רעכט און ערשט דערנאך קען ער דעצידירען וועמען ער האט זיין שטים אבצוגעבען.

אלע ראדאמער יודען מוזען זיך בע-טייליגען אין די וואהלען, כדי צו פער-זיכערען א געהעריגע יודישע פאר-שטעהערשאפט אין שטאדט-ראט, וואס זאל מוטיג און שטאלץ פערטיידיגען די יודישע אינטערעסען.

גרויסע פערזאמלונג

איבערמארגען זונטאג דעם 23 ה.מ. 5 נ.מ. א

פאר מיטגלידער און נישט מיטגלידער אין לאקאל פון האנדוו.-פערבאנד רווינסקא 1

ס'וועלען ארויסטרעטען ספעציעלע רעדנער וועגען וויכטיגע פראגען. קומט מאסענווייז.

ציכענט די הלוואה פאר לופט-פערטיידיגונג!

נעכטען ביינאכט האט דער ספעציעל-געגרינדעטער יודישער פראפאגאנדע קאמיטעט פאר דער הלוואה פון לופט-פערטיידיגונג, אבגעהאלטען א זיצונג אין גמינע אונטער דער פארזיץ פון אדוו. פעניגשטיין. עס איז אנגענומען געווארען צו פיהרען א ברייטע פרא-פאגאנדע-אקציע צווישען דער נאנצער יודישער בעפעלקערונג וועגען דער גרויסער וויכטיגקייט פון דער הלוואה אין יעצטיגען מאמענט. דער קאמיטעט דעלעגירט צו דעם צוועק היינטיגען שבת א רייה רעדנער אין שוהל, אין אלע בתי-מדרשים, שטיבלעך, בתי-תפי-לות אין שוהל וועלן רעדען הרב קעס-טענבערג און אדוו. פעניגשטיין; אין בית-מדרש דירעקטאר הורוויטש, אין עזרה ד"ר פאסטמאן א. ז. וו.

דער קאמיטעט האט אויך בעשלאסען צו ווערבירען פארען, וואס זאלען פער-זענליך בעזוכען יודישע הייזער און זיי אויפפאדערען צו ערפילען דעם ביר-גערליכען חוב לגבי דער מלוכה און פאטערלאנד און צייכענען די הלוואה וואס שנעלער. עס וועט געפיהרט ווע-רען א קאנטראל לויט וועלכער מ'וועט וויסען, ווער ס'האט זיך נישט בעטיי-ליגט אין דער הלוואה פאר לופט-פער-טיידיגונג.

די זיצונג האט געדויערט ביז האלב צוועלף און ט'האבען זיך בעטייליגט אין איהר די ה"ה: הרב קעסטענבערג, אדוו. פעניגשטיין, ד"ר לעווי, סאלאמאן לעווין, דיר. הורוויטש, ד"ר פאסטמאן, ד"ר גאלדבלום, איידעלבוים, חיים קארמאן, משה רובינשטיין, איגנאצי גאלדבערג, ישראל פעלדמאן, פרעזעס יונה זילבער-בערג, די דאזארעס גארדאווטשיק און איטשע זילבערשטרום, ליפשיץ, קודא-ווער רעד. הערץ און אנד.

רוזוועלט האט מיך געשיקט אויפן א"י-באזאר

כ'בין פול מיט עקספאנסיע, מיט כאפ-לאפ-שטימונג, מיט בליק-מלחמה, מיט אגרעסיע. כ'האלט אין איין ציילען די עראפלאנען, די שיפען. די צייטונגען ליפערען מיר סטאטיסטיק פון די גע-וועהר - ארסענאלען וואס פערשידענע מלוכות פערמאגען אויפן ים, אין דער לופט און אויף דער יבשה. כ'שלינג אין יעדען טאג א פלאט, א שטיק-לאנד, א פארט, א ים-באזע. כ'פיהל שוין דעם טעם. דעם ריח-ניחוח פון די גאזען. פאר די אויגען שוועבען מיר שוידערליכע בילדער. מיט איין ווארט כ'בין איין שטיק דינאמיט. אט, אט רייס איך אויף און עקספלאדיר. ס'איז מיר ענג. ס'פעהלט מיר אויס אטעם און כ'זיך אנ'ארט וואו צו אנטלויפען, וואו זיך צו בעהאלטען פון דער משוגענער וועלט, וואס האט פון מיר געמאכט א א גאנצע קריגס-טעכניק.

ס'איז מיר קאלעמוטנע אויפן הארץ, טריעב אויף דער נשמה. פלוצלינג דער ראדיא רעדט. איך שפרינג-אויף: שוין?! האט עס זיך שוין אנגעהויבען?

— ניין, נאך נישט. מיין שרעק איז גע-ווען אומזיסט. ס'רעדט רוזוועלט, דער פרעזידענט פון אמעריקא. ער הייסט די צוויי שרפים, די צוויי פייערדיגע מחבלים, אוועקלייגען ס'געוועהר. אבקילן הייסט ער זיי, די פערכאפערישע אפעטיטען. 30 לענדער, רעכענט אויס רוז-וועלט, זאל געגעבען ווערען די זיכער-קייט, אז מ'וועט זיי נישט בעפאלען. צווישען זיי ווערט אויך דערמאנט ארץ-ישראל.

איינדריקענץ אזא

רוזוועלט האט נישט פערגעסען אין ארץ-ישראל און ער האט מיך אויך טאקע דערמאנט אין ארץ-ישראל-באזאר.

בין איך טאקע אוועק אבכאפען דעם אטעם אויפן באזאר. כ'בין געזא-רען מונטערער. א היימישע חברה די צוויי קיאסקען פון „עקיבא" און „השומר הצעיר" זענען גאנץ שעהן. זיי אימפאנירען. אבער פארוואס אזוי ווייניג. כ'וואלט דא געוואלט זעהען גאנץ ארץ-ישראל מיט אלע קאלאניעס, קבוצות, אפילו רוטענבערג'ס עלעקטרי-שע סטאציע מיט'ן תל-אביב'ער פארט. פארוואס זענען זיי נישטא אויפן באַ-זאר? האט דאך דער גרויסער רוזוועלט דער קאפ פון די פעראייניגטע שטאטען, ערשט גערעדט וועגען ארץ-ישראל. וואו איז עס?

מיין אויפמערקזאמקייט ציהט צו דער אויפגעשטעלטער „טורם" אויפן באזאר. דער טורם איז שטארק בעלויכטען, ער ברענט גאנצע נעכט אין ארץ ישראל כדי צו ווארפען ליכטיגע שטראלען אויף די קאלאניעס, מ'זאל זעהן, צי ס'לויערן נישט קיין אנפאלער.

כ'זעה די טאנצענדיגע פארלעך, ווי זיי גליטשען זיך איבערן פארקעט. אי-בערן זאהל שווימען די טענער פון „לאמבעט - וואק" און עס הערט זיך דער אויסרוף „אוי". איך טראכט אז דאס קרעכצען זיי אויס דעם „אוי", די טאנצענדיגע, ווען זיי קוקען ארויף צום טורם, וואו עס וואכען די יודישע חלו-צים און שפירען-נאך מיט די פראזשעק-טארען די בעהאלטענע אראבישע אי-בערפאלער...

ס'ווערט מיר ווידער א ביסל טרוי-ריג אויפן הארצען, אבער באלד דער-מאן איך מיך: רוזוועלט. ניין, ער וועט נישט דערלאזען. ער וועט צוימען די משחיתים, וואס העצען די אראבער.

זאל לעבען רוזוועלט, וואס האט מיך דערמאנט צו געהן אויפן א"י-באזאר. ס'איז סומעלדיק. כ'בין צווישען אייגענע, אט אזוי ווי יודען דארט אין לאנד פון דער ערב יודישער מלוכה — פאלעס-טינא.

ס'איז שוין שלוס פון באזאר. נעילה-דער ארץ-ישראל-דעלעגאט ה' י. שמיר האלט א שענע רעדע. ער זאגט, אז די אראבער וואלטען שוין בעשטאנען שלום צומאכען מיטן יודישען ישוב אין א"י, נאר דאס, וואס יעדעס יאהר טיילט מען שעדיולען מיט קאנטיגענטען פאר נייע אידען — דאס קענען זיי נישט פערנעמען. דער רעדנער שרעקט מיך וואס די אראבער האבען צו דריי ווייבער און זיי מעהרען זיך דעריבער אין א גרויסע צאהל. איך לאז זיך נישט בעהערשען פון קיין מרה שחורה און טראכט ווידער: רוזוועלט, איך בין נאך אלץ בעגייסטערט פון רוזוועלט'ס ווענ-דונג און וויל אויסשרייען: פאניע יאפע שפילט-אויף מיט'ן ארקעסטער לכבוד רוזוועלטן! איך בעוויז עס נישט צו-טוהן. כ'הער מ'געהט וועהלען א „מיס" מיט א „וויצע".

און ווי אזוי מען וועהלט אין ראדאם ווייסט איהר דאך, מסתמא. זעהר גוט. דא האט מען טאקע געוועהלט סטאטא-ליסטיש. אזוי ווי ס'איז היינט אין דער מאדע. איך בין געווארען אביטל ענ-טויִשט. כ'בין געקומען אויפן באזאר א דאנק דעם דעמאקראט רוזוועלט. און דא נא-דיר גאר טאטאליזם, דיקטאטור. נאר אזוי ווי אלע זענען פונדעסטוועגען געווען צופרידען, מיט'ן אויסגאנג פון די וואהלען, אפלאדירענדיג דעם זשורי האב איך מיר אויך גארנישט געמאכט דערפון. און טאקע כ'לעבען וואס קען איך האבען צו די סימפאטישע צוויי צוקערקעס: לוטקע און אירקע און גראנקובנע, זילבערובנא און זיסמאנובנא. געוועהלט איז געוועהלט.

ס'איז נאר געווען א רחמנות אויף א פריש-געבאקענעם „רעדאקטאר", וואס איז געזעסען א בלאסער, מיט גרויסע קעלבערנע אויגען ביים קאלטען קאלא-ריפאר אויפן בענקעל פון נישט געווע-זענעם סטראזשאק און געווארעוועט אזוי א גאנצע נאכט אויפן רעזולטאט פון די מיס-וואהלען. אין דער עיקר, אז מ'זאל איהם אנטוהן דעם כבוד און אריינגע-מען אין זשורי צו זאגען מבינות. ווען ער איז אויפגעקומען, איז שוין געווען נאך אלעם. ער האב זיך שטארק צע-געניצט און נישט געוויסט וואו ער גע-פינט זיך און וואס מיט אים טוט זיך.

• •

זונטאג, אין טאג פון שליסן דעם בא-זאר, איז פארגעקומען א צוזאמענפליה פון „עקיבא" פון די שטעדט: קראקא, ווארשא, קעלץ, סקארזשיסק. מ'האט זיי אויפן באזאר חבריש מקבל פנים געווען און ווארים בעגריסט.

דער מורשה פון קרן-קימת ה' קויפ-מאן האט דעם היגען „עקיבא" דער-לאנגט א דיפלאם אלס אויטצייכנונג פאר איבערגעגעבענער ציוניסטישער ארבייט.

ס'איז מיר זעהר געפעלען, נאר איין זאך האב איך נישט פערשטאנען, פאר-וואס מ'הערט נישט דער עקיבא-יוגענד אויסרעדען א ווארט יודיש, אדער העברעאיש.

שוין צייט!

שמואל'יעק.

שטיצענדיג דעם קרן-היסוד העלפסטו אויפבויען א היים פאר'ן געיאגטן, געפלאגטען יודישען פאלק

א צייט פון אלגעמיינער אנשטרענגונג

ד"ר יעקב וויגאדסקי

(ספעציעל צום „ראדאמער קעלצער לעבען".)

— צו דער קרן-היסוד-אקציע אין ראדאם. —

דאס גאנצע יודישע פאלק לעבט איבער זיין שווערען, זיין שווערסטען קריזיס. נישט נאר אין גלות, נאר אויך אין ארץ-ישראל גיסט זיך יודיש בלוט און עס איז בעדראהט דער גאנצער יודישער קיום. אי דא, אי דארטען קומען צום אויסדרוק די מורא, דער פחד פאר יודען. די שונאי ישראל פיהלען דעם שטארקען יודישען גייסטיגען כוח על פי רוב, בפרט אין לענדער פון א נידריגער קולטור, פילט אין זיך א גרויסער טייל נישט-אידען די בעדערפניש ענטקעגענצושטעלען זיך דעם אידישען גייסטיגען כח. דעריבער פרובירען זיי ענטגעגענצושטעלען די יודען די איבערמאכט פון זייער פיזישען כח, וועלכער איז בלינד, ווילד און טהוט אן אי יודען, אי נישט-יודען נאר צרות. דער ווילד-אנטיסעמיטישער כח קאן זיך נישט פונאנדערנעהמען אין דער יודישער שאלה, קאן דעריבער נישט ארבייטען לאגיש און ציעל-בעוואוסט לטובת הכלל. ער קאן נישט פונאנדערפלאנטערען לאנגזאם און געדולדיג דעם פערפלאנטערטען קנויל פון די נישט-יודישע פערהעלטעניסען צו יודען. ער קאן דעם דאזיגען קנויל נאר צוהאקען. ער קאן קיין זאך נישט אויפבויען. ער קאן נאר חרוב מאכען.

אין א צייט, ווען דער גראבער, פיזישער, אנטיסעמיטישער כח מאכט חרוב גאנצע גרויסע מדינות און בושעוועט סטיכיש אין דער וועלט — טרעט בולט ארויס דער גרויסער ווילוק צווישען ארץ-ישראל און גלות.

אין גלות זענען יודען איבערגעשראקען, טייל יודען — אפילו מוטלאז. זיי מאכען דעם היסטארישען ויצעקו. די רעגירונגען פון די הויך-קולטורעלע פעלקער, דערהערענדיג דעם ויצעקו — שווייגען, אויב דאס איז נוגע א שטארקע מלוכה. די שוואכע, פאגראם-מאכענדע מלוכות מאכען זיי אין א „פריינדליכען טאן" אויפמערקזאם, אז זייער פאגראם איז „אפשר נישט אין הסכם מיט'ן ווערסיאלער טראקטאט" ע"ה. דאס אלץ ווערט געזאגט מיט א האלבען מויל, בכדי נאר יוצא צו זיין.

דערביי טרעט ארויס ערגיץ-וואו א קליין הייפעלע פראגרעסיווע ארבייטער און אינטעליגענטען לטובת יודען, כדי צו דערווייזען אין... אויסלאנד, אז נישט אלע תושבים פון דער מדינה פאגראמירען יודען.

אין א"י זעהען מיר בעת א מהומה א גאנץ אנדער בילד. דער יודישער ישוב בלייבט ביי יעדער מהומה, וואס קומט פאר אין לאנד, פעסט און זיכער. ער בעט די ענגלישע מאכט, מען זאל איהם לאזען זיך בעוואפענען און פערטיידיגען. דער עיקר-שטריך, וואס כאראקטעריזירט דעם יודישען ישוב אין א"י, איז, וואס שפארט זיך אן הויפטזעכליך אויף זיינע אייגענע כחות און האלט אויך קיין איין רגע נישט אפ זיין אויפבוי-ארבייט. וואס פארא ווילדע פאליטיק לגבי יודען די אראבער זאלען נישט פיהרען און וואס פאר א דיפלאמאטיש-קלוגע פאליטיק לגבי יודען די ענגלענדער זאלען נישט פיהרען, לייגען אוועק אלע א"י-יודען זייערע גאנצע כחות אויף צו פערשטארקען און פערפעסטיגען זייער גלענצענדע היסטארישע אויפבוי-ארבייט אין ארץ-ישראל. אין דער דאזיגער ארבייט, און נאר אין איהר ליגט דער עצם גרויסער כח פון ישוב און זיין האפנונג אויף א ליכטיגען עתיד אין א"י, וואו דאס גאנצע יודישע לאנד ווערט דעראבערט בשלושה דברים: במסירות נפש, בזעת אפים ובידם. אויף דער דאזיגער עראבערונג איז געוויס שטארק משפיע די פאליטיק פון די ענגלענדער און די אראבער, אבער דער עיקר איז זי אבהענגיג פון דער יודישער אויפבוי-ארבייט. די נישט-יודישע פאליטיק קאן דער דאזיגער ארבייט שטערען, זי קאן זי אבער נישט אבהאלטען. און דאס זעהען מיר אין דער אמת'ן, איצטער אין א"י ביי דעם „פאן-אראבישען" טעראר און ביי דער כמעט אבגעהאלטענער עליה. יודען האבען געגרינדעט גאר אין דער לעצטער צייט איבער 30 נייע ישובים אין די סטראטעגיש-וויכטיגע פונקטן פון סכנה'דיגע געגענדען פון גליל, אין אזא רעש'יגען טעמפא, וואס א"י האט נאך ביז איצט נישט געזעהן. מיט דער וויטערדיגער ארבייט אויף דעם געביט מוז מען זיך, מחמת פערשטענדליכע טעמים, שטארק איילען — פיעל טייערע יודישע פאליציאנטען און חליצים מכל המינים, גוט-בעוואפענטע און בעפליגעלטע פון דעם חלוצישען גייסט, היטען דעם ישוב.

ווייטער ווערט אבגעטהון א גרויסע וויסענשאפטליכע, אגראר-כעמישע ארבייט אין די מוסטערהאפטע יודישע לאבאראטאריעס אין ארץ-ישראל. א גרויסע און שעהנע נעץ העברעאישע שולען צעוואקסט זיך אלץ שענער, אלץ גלענצענדער. דער העברעאישער אוניווערזיטעט אויפ'ן הר-הצופים פערצווייגט זיך אלץ ברייטער און ענטוויקעלט זיך אלץ שענער און די וואונדער-שעהנע העברעאישע ליטעראטור בליהט זיך אלץ פונאנדער פראכטפולער.

דערמיט שעפט זיך נאך נישט אוים די הויך — וויכטיגע אידישע אויפבוי-ארבייט אין ארץ-ישראל. עס מוז אבער צוגעגעבען ווערען, אז איצט, איידער ס'וועט פאלען דער בעשלוס וועגען דעם עתיד פון א"י, מוז די דאזיגע ארבייט געפיהרט ווערען אין א פיעבעראשיגען טעמפא, ווייל די צייט איז זעהר א קורצע. די ציוניסטישע פירערשאפט, אינאיינעם מיט'ן גאנצען ישוב, שטרענגט אן אלע כוחות, כדי אויסצונוצען די דאזיגע שווערע צייט פאר דעם ברייטסטען און פעסטסטען פונאנדערבוי פון אונזער אויפבוי-ארבייט אין ארץ-ישראל. מיר אלע אידען פון דער גאנצער וועלט, וואס קענען זיך איבערצייגען איצט מעהר, ווי ווען עס איז פריהער, אז זי איז די איינציגע לעזונג פון דער אידישער שאלה, מוזען אויך אנשטרענגען אלע כחות, כדי צו געבען אונזערע פירער די מעגליכקייט איסצונוצען די קורצע צייט, וואס איז אונז נאך פערבליבען ביז צו דער ענגלישער החלטה, פאר דער אינטענסיווער ארבייט, וואס איז אונז א היסטארישער בעדירפעניש. אידען, אלע ווי איין מענש, שטרענגט אן אייערע כחות און טראגט אריין די גרעסטע תרומות פאר'ן קרן-היסוד.

ארום די וואהלען צו די שטאדט-ראט.

די ערשטע פערזאמלונג אין גמינע, אויף וועלכער מ'האט אייגעלאדען פארשטעהער פון יודישע ארגאניזאציעס, איז געווען געווידמעט דער שאפונג פון אנ'איינהייטליכען בירגערליכען וואהל-בלאק. אויף דער פערזאמלונג האבען מיר געזעהן די אידישע ראטמענער און געגלויבט, אז די דאזיגע הערען זענען בלויז געקומען אבגעבען א דין וחשבון פון זייער ביז - איצטיגער „וואזשנע" טעטיגקייט אין שטאדט-ראט און באסטא.

עס האט זיך אבער נישט געגלויבט, אז אנשטאט א בעריכט פון אבגעטוענער ארבייט, זאלען די ה"ה ראטמענער זיך וועלען איינשפאנען אין א נייער ארבייט: אנפיהרען מיט דער וואהל-קאמפאניע פון דעם געפלאנטן בירגערליכען בלאק.

די ה"ה ראטמענער האבען עפעס יא געווארפען א פאר ווערטער, וואס האבען געקלונגען במו א בעריכט, אבער דאס איז געטוהן געווארען פאר יוצא-וועגען, אט אזוי דורכגעהענדיג. ס'איז געווען א פאר פארעווע ווערטער, לא קרירא ולא חמימא. נישט קאלט און נישט וואַרעם, נישט מילכיג און נישט פליישיג. ווארום באמת, מיט וואס האבען זיי זיך געקענט פארשטעלען? אויפן געביעט פון שאפען ארבייט פאר יודישע ארבייטסלאזע איז קיין גרויסע אויפטהוען נישט דערגרייכט געווארען; נישט ביי די שטאדישע סעזאן-ארבייטען, נישט פארן יודישען ארבייטער, נישט פארן יודישען סוחר, הגם זיי האבען זיך געפונען אין א סאציאליסטישען שטאדט-ראט.

דער גרעסטער טייל פון די היינטיגע יודישע ראטמענער איז געזעסען 4 יאר אין שטאדט-ראט און מ'האט פון זיי קיין ווארט נישט געהערט אויסרעדען. פארהאן צווישען זיי אזעלכע וואס זענען בלויז געקומען אין שטאדט-ראט אויף יעדער דריטער זיצונג אונטערצושרייבן די „ליסטע אבעצנע", וויסענדיק, אז דער רעגולאמין זעהט פאר, אז אין פאל ווען מ'קומט נישט דריי מאהל אויף א זיצונג, פערלירט מען דעם מאנדאט. און דאס האט זיך זיי נישט געגלוסט. דאס האבען זיי אבגעהיטען גוט, געקומען איינמאהל אויף דריי זיצונגען, זיך „געיאוועט", אונטערגעשריבען, אז איך פלוני בן פלוני בין דא און באלד דערנאך נעלם געווארען. נישט אויסגעזיצען אפילו די גאנצע זיצונג.

אט אזוי האט מען געארבייט שווער לטובת הכלל און אט אזוי האט מען פערטיידיגט די וועהלער, וועלכע מען האט פערשיט מיט הבטחות, וועלכע זיי גרייטען זיך אודאי אויך איצט ארויסצולאזען אלס מאניפעסט צום נייעם שטאדט-ראט.

מיר מיינען אנדערש. אין אנגעזיכט פון אזא „גרויסע" אקטיוויטעט האבען זיי, די ראטמענער, בעדארפען די איצטיגע וואהלען איבערלאזען פאר נייע מענשען, פאר נייע פארשטעהער, וועלכע וואלטען אפשר אהן זייער הילף בעסער ערלעדיקט דעם ענין פון א נייער אידישער רעפרעזענטאנץ אין קומענדיגען שטאדט-ראט.

זיי האבען דאס נישט געטהון. א שאד ארויסצולאזען ס'בענקעל פון האנד און דערצו אזא בכבוד'יג בענקעל. מ'האט אפילו אויף א זיצונג געהערט פון איינעם א ראטמאן, אז ער וויל געבען 20 זלאטעס, אבי מ'זאל איהם ארויסלאזען פון עסק (מ'האט דאך איהם געהאלטען ביי די פאלעס, ער זאל נישט געהן!) אבער דער הערר איז דאך געבליבען. און געוויס וועט מען איהם שוין זעהן קאנדידירען אויף אזא פלאץ, וואס וועט איהם ברענגען א זיכערען מאנדאט.

עס איז כדאי צו דערמאנען, ווען ס'איז אויסגעשטעלט געווארען די איינלאדונג (קארענדע) צו די פארשטעהער פון די ארגאניזאציעס, און פאראייניגען האט מען פערגעסען, אז אין ראדאם איז — פאראן א רייהע פערזאנען, וועלכע געהערען נישט צו קיין פארטייען, אבער זענען בעקאנטע כלל-טהוער, אינטעליגענטע מענשען, וועלכע וואלטען גערן אנגענומען דעם מאנדאט אין שטאדט-ראט אריין, וואו זיי וואלטען זיכער געהעריג פערטיידיגט די יודישע אינטערעסען. אלענפאלס בעסער און מעהר ווי די, וועלכע האבען 4 יאהר אין שטאדט-ראט געקוועטשט דעם ראטמענער-פאטעל און נישט געעפענט דאס מויל.

ווען איך האב זיך דערלויבט אויף דער פערזאמלונג פון די ארגאניזאציע-פארשטעהער צו נעמען א ווארט, אז מען האט נישט פערבעטען א רייהע פערזאנען, וועלכע וואלטען זעהר נוצליך געוועזען אלס יודישע פארשטעהער אין שטאדט-ראט, אנרופענדיג דערביי א נאמען פון א בעקאנטען דאקטאר, נישט קיין פארטיי-מאן — האט מען זיך נישט געמאכט הערען און שפעטער שטארק נישט צוגעלאזט דעם הערר, ווייל... ער וואלט דאך געקאנט זיין א קאנקורענט פון די יעניגע אינטעליגענטען, וועלכע זענען שוין דא.. און פערכאפען זייער בענקעל.

מען האט אויך פערגעסען צו פערבעטען די פארשטעהער פון די אידישע הויז-אייגענטימער, ווייל מ'וואלט דאך בעדארפען זיי אויך עפעס צו געבען. א שאד געוועזען. מען האט פערגעסען, אז איינער פון די הויז-אייגענטימער, ה' ד"ר יעקב מינסקי האט איינער אין קאמיסארישען בייראט פון ראדאמער מאניסטראט פיעל מעהר אויפגעטהון ווי א רייהע ראטמענער וואס זענען יאהרען לאנג אפגעזעסען אין שטאט-ראט. ד"ר יאקוב מינסקי איז דער, וועלכער נישט איין איצטיגער אידישער בעאמטער האט צו פערדאנקען ביז היינט זיין פאסטען אין ראדאמער מאגיסטראט. איהם אלס פארשטעהער פון אידישע הויז - אייגענטימער האט מען פערגעסען איינצולאדען אויף דער פערזאמלונג; מען האט אבער נישט פערגעסען צו פערבעטען אזש 3 פארשטעהער פון די אידישע אינדוסטריעלער, וועמענס פערדינסטען פארן כלל, איך האב נאך קיינמאהל נישט געהערט.

מ'האט אויך נישט פערגעסען, ווי מען הערט, צו שיקען צו פערשידענע אידען בריוועלעך, אז זיי זאלען שענקען געלד אויף וואהל-צוועקען, פארן אידישען בלאק.

צווישען די קאנדידאטען זענען פערהאנען גענוג פערמעגליכע מענשען, וועלכע קענען זיכער צוזאמענעמען די עטליכע הונדערט גילדען צווישען זיך, ווען זיי ווילען ווערען ראטמענער.

צום סוף וויל איך צוגעבען, אז די אלע בעמערקונגען קענען נישט געהן אויפן חשבון פון אלע אידישע ראטמענער פון לעצטען שטאט-ראט, ווייל צווישען זיי זענען פערהאנען 2—3, וועלכע האבען זיך בעמיהט זייער פליכט צו ערפילען.

עס איז צו האפען, אז די אידישע וועהלער וועלען זיך שוין דאס מאהל נישט לאזען נארען. און ווען זיי וועלען דערזעהן די אויסגעשטעלטע ליסטעס פון אידישע קאנדידאטען, וועלען זיי שוין זיין פארזיכטיגער.

ארנאלד ראזענפעלד

אונדערהערטער ארויסטריט פון א דייטשער פירמע.

אין „אי קא צע" נומ. 101 לייענען מיר:

איינע פון די דייטשע כעמישע פירמעס, וועמענ'ס אויסארבייטונגען ס'ווערען פערקויפט אין גאנץ פוילען א. נ. „פערסיל", „אטא" א. ד. גל. האט ארויסגעגעבען אין פערשטענדיגונג מיט'ן אפיציעלען ארבייט'ס-פראנט אין דייטשלאנד, א פעריאדישען רעקלאמע-נומער, אין וועלכען דער טהוער פון מזרח-פרייסען, פאסטהאוז, האט פערעפענטליכט אנ'ארטיקעל, וואס איז אונדערהערט סיי לויט דער פארם און סיי לויט'ן אינהאלט. דאס ארטיקעל טראגט דעם נאמען: „דער מזרח—דייטשלאנד'ס שיקזאל-לאנד" (אסטלאנד דויטשעס שיקזאלס-לאנד).

אלזא א דייטשע פירמע, וואס פערשפרייט אין פוילען איהרע אויסארבייטונגען און מאכט מיליאנען-אינטערעסען ערלויבט זיך אויף צו פערשפרייטען אזעלכע ידיעות:

„די ערשטע פאליע פון דער פוילישער פוריע, האבען געמוזט איינהאלטען די מזרח-פרייסען. ווען יאגעללא צוזאמען מיט זיינע אוסוואורפען (!) פון די רוסישע סטעפעס, איז אנגעפאלען אויף דער בליהענדער פראווינץ פון קרייצציגלער-ארדען, טראגענדיג פערניכטונג.

אויך מערב-פרייסען (פאמערן) האט זיך לאנג אקעגענגעשטעלט דער פוילישער איינשלינגערישקייט (!) אזש ביז צום מאמענט, ווען דעם 18-טען מערץ 1569 האט דער פוילישער סיים אין לובלין געגען אלע פרינציפען פון אינטערנאציאנאלע רעכט — אבגענומען די סובערעניטעט ביי דער אויבער-וואסעל-פראווינץ און זי פראקלאמירט אלס פוילישע טעריטאריע.

אזוי האבען די טשעכען, די פאלאקען, ווי אויך די באלטישע לענדער, אומפערדינט בעקומען מלוכות (?!) וועלכע געפונען זיך נישט אין קיין שום פראפארץ צו זייער היסטארישע פערדינסטען און שטח דורך זיי בעוואהנט.

דייטשלאנד האט פערלוירען דעם פויזנער געביעט, זיין תבואה-שפייכלער, וואס פאר אנ'אינדוסטריע-לאנד, וואלט מען עס מעהר געברויכט האבען, איידער פאר פוילען, אלס א פויערים-מלוכה.

די איידאפעאישע קולטור האבען נישט געקענט און קענען נישט בעשיצען די סלאווען. דאס האבען שטענדיג געטוהן די גערמאנער, דייטשען, שטעהענדיג ווי א פאדערמויער פאר אייראפע (!)

אזיע ריהרט ווייטער. דאס מאהל אין געשטאלט פון באלשעוויזם. אלס פאדער-הויז האט גענצליך פערפיהרט די טשעכאסלאוואקיי. אויך פוילען וועט פערפידען (?!!) צוליב אינערליכע צעריסענקייט (?) ארויסגערופען דורך די נאציאנאלע מינדערהייטען און פארטייען".

נעבען ארטיקעל געפינט זיך א פאטאגראפיע, וואס שטעלט פאר ביי פילא, אויף דער דייטשער זייט, א שטיין מיט אנ'אויפשריפט: „קיינמאהל, דייטש, פערגעס נישט, וואס די בלינדע שנאה האט צוגענומען. ווארט אויף א שעה יועלכע וועט אבוואשען די חרפה פון דער בלוטיגער גרעניץ" אונטערן אונטערשריפט פיגורירען א רייהע שטעדט פון פאמערן, פויזען און דאנציג.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן פוילען-פרעסערישען ארטיקל פון דער דייטשע פירמע האט דער פוילישער מעריב-פעראיין אין טהארן ארויסגעגעבען אנ'אויפרוף, וועלכער גיעט א געהעריגען ענטפער די דייטשע שלום-שטערער.

אט איז דער אינהאלט פונ'ם אויפרוף:

„פאליאקען! מיר לעבען אין א צייט פון גרויסע ענדערונגען אויף דער אינטערנאציאנאלער ארענע. די לעצטע טעג האבען בעוויזען אונזער אייניקייט און ווירדיגע שטעלונג, ווען דער שטורם האט זיך צעווילדעוועט ביי די גרעניצען פון פוילען.

מיר זענען א געדולדיג און טאלעראנט פאלק.

מיר וועלען נישט ערלויבען צו פעלשען אונזער היסטאריע און די פוילישע ווירקליכקייט.

די דייטשע פירמע הענצקעל, האט פערעפענטליכט אין איהר אויסגאבע א נידערטרעכטיגען ארטיקעל, וואס פאלט-אן אויפן פוילישען פאלק-שפאטענדיק פון זיין שטאלץ און גרויסקייט. די פירמע, וואס פערקויפט איהרע אויסארבייטונגען אין גאנץ פוילען, ווי:

„Ata" „Persil" „Henko"

ברויך בעקומען א געהעריגען ענטפער פון גאנצען סוחרטום און פון דער גאנצער בעפעלקערונג. דער איינציגער ענטפער אונזערער ברויך זיין: אין געוועלב פון פוילישען סוחר און אין פוילישען הויז איז נישטא קיין ארט פאר די אויסארבייטונגען פון דער פירמע הענצקעל! די וואס ברעכען זיך ארויס פון סאלידארען נאציאנאלען פראנט, וועלען מיר סטעמפלען פון דער נאציאלער זאך.

אזוי איז דער ענטפער אונזערער אויף דער נידערטרעכטיגקייט און ליגען, וואס ווערט געשריבען פאר פויליש געלד".

דער היגער „דזשען-דאברי" האט פונדעסטוועגען דעם פאריגען זונטאג, ד"ה מיט 4 טעג שפעטער, נאכן בעווייזען זיך פון דערמאנטען נאטיץ אין

(ענדע זייט 6)

מאיר הערץ

דער מארש פון אלע צדקה=חברות צו מענדעל פיליצער

פון דער סעריע «די פוילישע פאוסטאניע»

IX

אין שטעטעל איז געוואָרען אַנ׳אויפרודערונג. יאָסעלע שמייסער און העשקע חלפן האָבען יעדער אויף זיין שטייגער צעפויקט די מעשה מיט מענדעל פיליצער׳ס אוצר.

יאָסעלע שמייסער, ווי נאָר ער איז געקומען מיט חיה רויזעל פון מאָגעלניצע, האָט ער באַלד אַנגעמאַכט א ווינד. צו-ערשט האָט ער געשטאמעלט, געוואָלט רעדען, אָבער זיך געהאַלטען ביים מויל, ווי איינער זאָגט: כ׳ווייס א סך, נאָר כ׳וויל נישט רעדען. יאָסעלע שמייסער איז ארומגעלאָפען אין אַלע שטובען און דערצעהלט, אַז ער האָט געהערט אין מאָגעלניצע אויסטערלישע זאַכען פון חיה רויזלען. וואָס — האָט ער נישט געוואָלט זאָגען און דאָס האָט נאָך מעהר אונטערגעצינדען די נייגעריגקייט פון שטעטעל. ערשט, אַז ער האָט דערהערט, ווי העשקעלע חלפן מאַכט גאַנצע אסיפות אין בית מדרש און דערצעהלט דאָרט סאָמע ווינדער פון די גאָלדענע, בלישטשענדיגע אימפעריאַלען, וואָס מענדל בעל-עגלה האָט ביי איהם געטוישט — ערשט דעמאָלט איז יאָסעלע שמייסער ארויס מיט לשון און אויך דערצעהלט די מעשה מיטן גאָלד, וואָס חיה רויזעל האָט געפיהרט צום מאָגעלניצער רבי׳ן.

ביי מענדל פיליצער אין שטוב איז געוואָרען חושך. חיה רויזעל האָט געמאַכט א הלש, ווען זי האָט אויסגעפּאַקט דעם זאַק און דערזעהן, אַז ס׳פעהלט איהר א שפּאָר ביסל גאָלד. זי האָט מורא געהאַט צו זאָגען פאַר מענדלען, אַז זי האָט אָבגענאַרט דעם רבין; האָט זי געשטיקט אין זיך אַזוי לאַנג, ביז ס׳איז איהר פערגאַנגען איבערן האַרץ און ס׳איז איהר נישט גוט געוואָרען.

אז מ׳האָט איר דערריסען, און מ׳האָט איהר געפרעגט, וואָס ס׳איז געשעהן און פאַרוואָס זי האָט גע׳חלש׳ט, האָט זי זיך אַרויסגעדרעהט מיט א תירוץ, אַז דאָס איז פאַר גרויס קרענקונג, וואָס ס׳שטעטעל ווייס שוין פונ׳ם סוד. זי האָט געהאַט גרויסע פּרעטענזיעס צו מענדלען ווי ער פּאָלט-אויס צו געהן טוישען אימפעריאַלען צו העשקעלע חלפן. זי האָט געשריגען אויף איהם, אַז ער האָט אָנגעמאַכט ס׳גאַנצע אומגליק.

מענדעל האָט זיך אָבער נישט געלאָזט פערפעדען די ציהן. ווי זיין טבע, איז ער געוואָרען ביז און אויפגעקאָכט, און גענומען קלאַפּען אין טיש אריין:

— וואָס האָסטו געוואָלט, אַז מיר זאָלען שטאַרבען פון הונגער? אין שטוב זאָל ליגען אַנ׳אוצר און דאָ זאָל מען אויסגעהן? כ׳האָב דאָך נישט געקענט געבען די קינדער אימפעריאַלען צו עסען! בין יאָך איוועק צו העשקעלע חלפן און אויסגעטוישט א פּאָר גאָלדענע רענדלעך, איז וואָס, האָב יאָך נישט געטאָרט? וואָס, מענדעל בעל-עגלה טאָר נישט פערמאָגען א פּאָר גאָלד-שטיקלעך? יאָך וועל נאָך טוישען ביי העשקעלע ממזר, און זאָל איהם אין ס׳גאַנצע שטעטעל קרענקען. יאָך האָב ביי קיינעם נישט גע׳גנב׳עט! —

מענדעל איז אויסער א כעסן, אויך געווען א קלוגער יוד. איהם האָט מען נישט געקאָנט פערדרעהען און אַראָבפיהרן אויף א זייטיגען וועג. ער האָט גלייך דערפיהלט אַז נישט דאָס איז געווען די סיבה פון חיה רויזעל׳ס חלש׳ן. איהם איז נישט געפעלען געוואָרען, וואָס זיין ווייב זוכט אַזוי דערנערווירט און מיט אַזעלכע ציטעריגע הענד אין זאַק. איהם איז באַלד דורכגעלאָפען א געדאַנק, אַז נישט אנדערש נאָר זיין חיה רויזעל האָט א ודאי אָבגענאַרט דעם מאָגעלניצער רבי׳ן און נישט געגעבען אַלץ, וואָס זי האָט אַהינגעפיהרט. ער האָט זיך אָנגעדערמאָנט, ווי ער האָט זיך מיט איהר געדינגען און זי האָט געוואָלט וואָס ווייניגער געבען דעם רבי׳ן. ער איז דעריבער גלייך צוגעטרעטען צו דער זאַך:

— זאָג נאָר, חיה רויזעל, עפּעס געפעלט מיר נישט די גאַנצע מעשה. דו פּרוּבירסט פאַר מיר דעם אמת. ניין, דיין חלש׳ען געפעלט מיר נישט. וואָס האָסטו געזוכט אין זאַק? האָסטו נישט אמאָהל צוריקגעבראַכט מעהר, ווי דו האָסט דעם רבי׳ן געגעבען? אויב וועסט נישט זאָגען, וועל יאָך תיכף אריבערפאָהרען קיין מאָגעלניצע אין דאָרט וועל יאָך שוין געוואָהר ווערען. וויפיעל דו האָסט איבערגעלאָזט. איז טאַקע גלייכער, חיה רויזעל זאָלסט מיר איינשפּאָרען דעם וועג —

חיה רויזעל האָט דערפיהלט די שטרענגע ווערטער פון מענדלען. זי האָט איהם געקענט, אַז ער האָט ליב מקיים צו זיין, וואָס ער זאָגט. בעזונדער׳ס האָט זי זיך דערשראָקען פאַר זיינע פייער-שפּריצענדיגע אויגען; האָט זי זיך איינגעבראָכען און גלייך מודה געווען:

— ס׳איז אמת, כ׳האָב גע׳גנב׳עט דעם מאָגעלניצער רבי׳ן און דערפאַר האָט מען מיך אויך גע׳גנב׳עט — און זי האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. מענדעל מיט זיין קלוגען קאָפּ האָט באַלד געטראָפען, אַז דאָס איז יאָסעלע שמייסער׳ס אַרבייט; אַז ער איז דער גנב. אָבער ער האָט געהייסען מאַכען דערווייל א שווייג. מענדעל האָט אויך מוחל געווען חיה רויזלען ווייל זי האָט זיך מודה געווען. איהם האָבען אָבער וועה געטהון צוויי זאַכען; וואָס מ׳האָט אָבגענאַרט דעם מאָגעלניצער רבי׳ן און דאָס, וואָס ס׳שטעדטעל האָט איהם גענומען אין דער אַרבייט אריין. און מענדעל האָט זיך אָנגערופען:

— מיין ווייב, מיר מוזען זיך גרייטען אין וועג אריין. מיר מוזען פון דאַנען אַנטלויפען און וואָס שנעלער.

אָבער איידער וואָס און איידער ווען, נאָך איידער מענדעל האָט זיך גענומען פּאַקען, האָט זיך דאָס שטעדטעל א נעם געטהון צו איהם. פאַר דעם האָבען שוין געזאָרגט העשקעלע חלפן און יאָסעלע שמייסער. זיי האָבען דאָס שטעדטעל געשטעלט אויף די פיס. זיי האָבען מרעיש עולמות געווען, אַז דער רב מיט אַלע ראשי בעלי-בתים מוזען געהן צו מענדלען ער זאָל עפענען זיין האַנד און טיילען צדקה.

איינער נאָר האָט דערווייל געשוויגען. דאָס איז געווען דער נאַכט-שומר פּיניעלע תם. ער האָט געהאַט א סך צו דערצעהלען אָבער געהאַלטען פערשלאָסען דאָס מויל און נישט מעהר געטהון ווי געלאַכט. ער האָט געהערט ווי ס׳טומעלט זיך און געשמייכעלט. דער עיקר׳שט האָבען יעצט געאַרבייט מעשים יאָסעלע שמייסער מיט העשקעלע חלפן.

און זיי האָבען סאַקע אויסגעפיהרט. אין זעלבען טאָג נאָך זענען אוועק צו מענדלען אַלע גבאים פון פערשידענע צדקה-חברות. יעדער גבאי האָט אוועקגעלעגט א גאַנצען פּזמון ווי וויכטיג ס׳איז זיין חברה און ווי גרויס ס׳איז די מצווה ווען מ׳איז מנדב א געהעריגע סומע. אפילו דער רב בכבודו ובעצמו איז אַראָבגעקומען מיט זיינע שמשים און פערלאַנגט א דאָך איבער דער שוהל און א פערקאַן פאַרן בית-עולם. דער רב האָט אויסגעשטרעקט די האַנד צו מענדלען ווי צו א ברייטן שלום-עליכם און איהם געווינשען:

— מזל-טוב ר׳ מענדעל! דאָס האַרץ פרעהט מיך צו הערען די בשורה טובה, אַז איהר זענט אויפגעריכט געוואָרען מיט א גרויס עשירות. זאָל אייך גאָט העלפען כפל-כפלים. איך מצדי האָב נאָר צו אייך איין בקשה, דהיינו, איהר זאָלט טאַקע שענקען א גרויסען גאָב פאַרן שטעטעל. אַז גאָט האָט אייך יאָ טאַקע געהאָלפען, פערלאַנג איך קודם-כל איהר זאָלט דעקען א דאַך איבער דער שוהל, ס׳זאָל נישט אריינרעגענען און א פערקאַן אויפצושטעלען ארום בית-החיים, די קברים זאָלען נישט זיין הפקר און די כלבים זאָלען נישט פּערומריינינגען די ביינער פון אונזערע היילינע אבות. דאָס איז ראשית כל, דערנאָך האָב איך צו אייך א בקשה, איהר זאָלט מהנה זיין אַלע צדקה-חברות און קיינעם חלילה נישט אָבזאָגן פון די אַלע גבאים און שליחים וואָס שטעהען דאָ פאַר אייך —

אַז דער רב האָט אָבגעזאָגט זיין דרשה, האָבען זיך אַרויסגערוקט אויפן פראַנט די גבאים פון לינת החולים, הכנסת-כלה, חברה-קדישא, הכנסת-אורחים, לינת-משמורים, צדקה-גדולה תלמוד-תורה און די ישיבה. צום סוף די פרנסים פון דער קהלה מיטן בעדער בראש. אין שטוב איז געוואָרען א טאַראַראַם, א מהומה. אַלע קולות האָבען זיך אויסגעמישט צוזאַמען און קיינער פון די גבאים האָט נישט געקענט קומען צום וואָרט. יעדער האָט מורא געהאַט, אַז דער צווייטער זאָל נישט שענער רעדען, איז ער איהם אריינגעפאַהרען אין מיטען, אַזוי, אַז ס׳איז געוואָרען א פלאַנטער, א מיש-מאַש פון געוואַלדען און געשרייען. מענדעל איז געשטאַנען א צעמישטער און געשוויגען ווי אַ שטיין. ער האָט געסאָפּעט ווי א גאַנז און געפינטעלט מיט די אויגען אויף אַלע זייטען. האָבען זיך מישב געווען די גבאים פון הכנסת-כלה און זענען צו צום ווייב:

(ווייטער קומט)

י. ב. שטריימאַן

פאַרנאַכט

דער מערב מיטן פּורפּור-פּודער
נעמט זיך שמירען אויס דאָס לייב
דוקא ווייל ער איבערבעטען
היינט פאַרנאַכט נאָך ס׳יונגע ווייב.

נאָר דאָס ווייב, די זון וואָס גיכער
שווימט פון זיינע הענט אַרויס
און דער מערב אַ פאַרשעמטער
נעמט פאַר צער זיך לעשן אויס.

עטליכע טרויעריגע בלעטלעך פון אַ טאָג=בוך

פון א ראדאמער יודישען פליט.

XV

מיר זענען אַנגעקומען אין דער הויפּט-שטאָדט פון דער שווייץ — ציריך. דאָ האָט זיך די גרופּע מכלומר׳שטע געסטאַפּאָ-אַגענטען צעטיילט. באַלד אויפן באַהן-הויף האָט מען זיך געזעגענט, און איינער דעם צווייטען האָט געהיימניספול אַנגעקוקט און איינגערוימט א פּאָר אונפערשטענדלעכע פאַר מיר ווערטער.

א גרעסערע העלפט פון דער גרופּע איז אַוועק אין שטאָדט. גרעטא האָט איינעם פון זיי דערלאַנגט א גראָבע טעקע, וואָס איז געווען פול מיט פּאַפּירען און דאָקומענטען און פאַר זיך האָט זי געלאָזט א היבשע וואַליזע.

מיט מיר איז געבליבען גרעטאַ און איהרע צוויי געהילפען.

מיר איז געווען שווער צו שטעלען אַליין אַ טריט. איך בין אין זעלבען טאָג געהאַט ארויס פון א בערלינער שפּיטאָל. איך בין געווען נאָך גענוג אָבגעשוואַכט און די רייזע מיט דער שנעלקייט פון עקספּרעס-צוג האָט מיך נאָך מעהר פערמאַטערט. איך האָב זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס. דער קאָפּ האָט זיך מיט מיר געדרעהט, און איך האָב אויף אַלצדינג ארום מיר געקוקט ווי דורך א נעבעל.

גרעטאַ׳ס צוויי בעגלייטער האָבען מיך גענומען אונטער די אָרעמס און לאַנגזאַם מיך אַרויסגעפיהרט פון דער צווייטער זייט וואַקזאַל. פאַראויס איז געגאַנגען גרעטאַ, וועלכע האָט געוואָרפען אויף אַלע זייטען נערוועזע בליקען. זי האָט אָבסערווירט אַלע פּנים׳ער פון די אויסגעשטיגענע פון צוג פּאַסאַזשירען. פאַר מיר איז איהר צעשטרייאונג און נערוועזיטעט געווען פערשטענדלעך. זי האָט געפאָרשט, צי מען שפּיאָנירט איר נישט נאָך פון בערלין. זי איז געווען אַזוי צעטראָגען, אַז אויף איהר פּנים האָבען ארויסגעשלאָגען פערשידענע קאָלירען. זי האָט, ווייזט אויס, געהאַט א פאָרגעפיהל, אַז פון בערלין אויס, פון דער געסטאַפּאָ קאָנטראָלירט מען איהר אַרבייט, און, אַז מסתמא פאָהרט עמיצער איהר נאָך.

און ווירקליך, איהר אינטואיציע האָט זי נישט אָבגענאַרט. ווי מיר זענען אַזוי געגאַנגען אין גרויסען-געדראַנג, האָט זיך א גאַלאַנטער הערר געגריסט פון ווייטענס, א מאַך געטהון מיט דער האַנד אַלס צייכען זי זאָל שטעהן בלייבען. גרעטאַ איז געבליבען צעמישט. זי האָט זיך אָבער געשטאַרקט, העפלעך און שמייכעלדיק צוריקגעגריסט און זיך אָבגעשטעלט. יענער הערר איז צוגעקומען, זיך פאַרגעשטעלט, געגעבען א סימן, אין וועלכען גרעטאַ האָט באַלד דערקענט מיט וואָס ער שמעקט. אויך מיינע בעגלייטער האָבען זיך אַנגעשטויסען און איינער צום צווייטען האָט א ווינק געטהון.

דער פרעמדער פּאַסאַזשיר האָט אַוועקגערופען גרעטאַ אין א זייט. זיי האָבען געשמועסט צווישען זיך אַ ווייִלע און באַלד האָט דער גאַלאַנטער הערר געהאַלטען אין זיין הענד גרעטאַ׳ס וואַליזע. ס׳האָט נישט געדויערט א מינוט און שוין איז גרעטאַ געווען ארומגערינגעלט פון נאָך צוויי הערען, וואָס זענען פּלוצלינג אויסגעוואַקסען, נישט צו וויסען ווי אַזוי און פון וואַן. די צוויי לייט וואָס האָבען מיך געפיהרט זענען געוואָרען כלאַס און דערשראָקען און געשעפּטשעט אין דער שטיל: מיר זענען פערלוירען. מ׳האָט אונז נאָכשפּיאָנירט פון בערלין און ענטדעקט אונזער פערשווערונג.—מיר איז געוואָרען קאַלט און הייס. ס׳האָט טיר גענומען זעצען אין קאָפּ ווי מיט האַמער׳ס און פאַר די אויגען האָבען געשוועבט שוואַרצע פלעקען. אָה, איצט בין איך שוין אויף אייביג פערלוירען — האָב איך געטראַכט — די גאַנצע אַרבייט איז פערשיט געוואָרען, וואָס וועט איצט זיין? געמיינט, אַז שוין אַז כ׳בין שוין אויסגעלעזט פון גיהנום און דאָ האָט זיך ראַפּטום ווידער א תהום געעפענט, וואָס וועט אונז דאָ אַלע איינשלינגען. איך האָב געפיהלט ווי ס׳פערלאָזען מיך די לעצטע כוחות. איך האָב זיך געווענדעט צו מיינע בעגלייטער און זיי געבעטען זיי זאָלען מיך ערגיץ-וואו אַוועקזעצען, ווייל איך שפּיר, אַז כ׳געה פאַלען. זיי האָבען מיר געגלויבט און מיך פעסטער אונטערגעהאַלטען, אָבער געבליבען שטעהן. פון דער ווייטענ׳ס האָט אַהערגעבליקט גרעטאַ. זי האָט, ווייזט אויס, דערזעהן, אַז איך פיהל מיך שלעכט, ווייל אויגענבליק איז זי צוגעלאָפען צו מיר און געפרעגט: וואָס איז אייך?

זי האָט שנעל אַרויסגענומען פון איהר האַנד-בייטעל אַ פלעשעלע מיט ערפרישונג׳ס-טראָפּען׳ס און מיר געגעבען צו שמעקען און דערנאָך מיך בעשפּריצט. דאָס האָט אויף מיר געווירקט דערקוויקענד און אויך פאַר גרעטאַ איז עס געווען אַ גוטע געלעגענהייט אָבצוכאַפּען דעם אָטהעם און זיך בעפרייען אויף אַ מאָמענט פון איהר פיינליכע לאַגע.

עס זענען באַלד אויך צוגעקומען די פרעמדע „פּאַסאַזשירען" און דאַן זענען מיר שוין צוזאַמען ארויס פון וואַקזאַל. פון דער לאַנגער שניר אַויטאָס, וואָס האָט זיך געצויגען ווי אַ ראַנד-קרייז איבערן גאַנצען פּלאַץ פאַרן באַנהויף, האָבען זיך אויסגעטיילט צוויי און זענען שנעל צוגעפאָהרען צו אונז. איך האָב אין ערשטען מאָמענט געגלויבט, אַז די צוויי אויטאָס זענען פון פריהער בעשטעלט פון די פרעמדע הערן, וועלכע פיהרען אונז געוויס אַוועק, ווער ווייסט וואו... דערווייל אין אָבער געוואָרען אַנדערש. די צוויי אויטאָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרען ספּעציעל פאַר גרעטאַ. מיר זענען איינגעזעסען און די אויטאָס זענען געלאָפען פייל פון בויגען. אריין אין שטאָדט און באַלד האָבען מיר זיך געפינען הינטער דער שטאָדט, ווייט, ווייט, ביז מיר זענען צוגעקומען צו א גאָרטען, וואו ס׳איז געשטאַנען איינוועניג אַ קליין, אָבער שעהן הויז. מיר זענען דאָרט אריין און ווי נאָר מיר האָבען איבערגעטרעטען די שוועל האָט זיך די פּאַד-לאָגע געעפענט אונטער אונז און אין איין סעקונדע זענען מיר אַראָב אין אַ טיפען קעלער, וואו ס׳איז געשטאַנען אַ מחנה מענשען מיט רעוואָלווערן אין די הענד. ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט דאָס בילד אין קאָנצענטראַציע-לאַגער. מיין שרעק איז אָבער באַלד פערשווינדען. די דריי פרעמדע לייט, וועלכע האָבען אונז אָבגעוואָרט אויפ׳ן ציריכער וואַקזאַל זענען אויפגעפאָדערט געוואָרען אָבצוגעבען דאָס געוועהר, וואָס זיי האָבען ביי זיך געטראָגען. זיי האָבען דאָס גלייך אויסגעפיהרט. דאַן האָט מען זיי געבונדען און ערגיץ אַוועקגעפיהרט אין אַ צווייטער אינטערערדישער הייל. מיך האָט מען בערוהיגט, אַז איך זאָל מיך נישט שרעקען, ווייל באַלד וועט מען מיך אָבשטעלען צו מיין פרוי און קינדער.

(פאָרטזעצונג קומט)

צוויי סדרים. צוויי דורות אונטער איין דאך.

דעם היינטיגען פסח — ווי שוין פון אונזער צייטונג בעוואוסט — איז אין ראדאם געפראוועט געווארען עטליכע געזעלשאפטליכע סדרים.

אויף אלע סדרים זענען מיר געווען איינגעלאדען. געווען אזעלכע, וואס זענען פארגעקומען הארט אונטער'ן נאז. ד. ה. — אין סאמע צענטער פון שטאדט אבער אויסגעקליבען האבען מיר גראד אזא סדר, וואס איז פארגעקומען ווייט פונ'ם שטאדטישען שטויב... ווייט פונ'ם שטאדטישען שימעל און טומעל... (ס'גראמט זיך שיער נישט...) נאר פשוט: הינטער'ן שטאדט. דאס איז דער „בית-יתומים" און „מושב זקנים".

עס רעדט זיך נאר אזוי ארויס צוזאמען די צוויי ווערטער: „בית-יתומים" און „מושב זקנים". פאקטיש אבער זענען מיר צומייסט געגאנגען צוליב'ן בית-יתומים, צוליב די ארימע עלענדע און איינזאמע יתומים'לעך, וואס ריכטען אפ דעם סדר אהן טאטען און אהן מאמע. צו זיי האט עס אונז געצויגען. צו זיי.

זענען מיר געגאנגען און געהאט פרייד און צער. ניין, נישט צער, נאר פערדרוס, צארען!

פרייד — ווייל מיר האבען געטראפען די ארימע קינדערלעך אין א גוטע יום-טוב'דיגע שטימונג. עס איז באמת געווען א נחת-רוח צו זעהען די עלענדע קינדערלעך אנגעטהוענע אין נייע מלבושים'לעך מיט שניי-ווייסע קעלנערלעך זיצען ארום די לאנגע זויבערע טישען, אויף וועלכע ס'איז געווען אנגעשטעלט ווײן, מצות, ליכטלעך און — בלומען. עס האט ממש געבלאנקט און שימערירט פון יעדען ווינקעל מיט יום-טוב'דיגקייט. אבער נאך א גרעסערע פרייד איז פאר אונז געווען די דעקלאמאציעס און רעדעס פון די קינדערלעך גופא. מען האט געשטוינט צו הערען די קליינע קיילעכדיגע יתומה שיינדעל רובינשטיין רעדען אין א קלינגענדיגען יודיש וועגען דער אמאליגער יודישער פרוי, וואס האט אנטייל גענומען אין אלע היסטארישע געשעהענישען און וועלכע האט בשום אופן זיך נישט געוואלט אסימילירען.

נישט ווינציגער אינטערעסאנט זענען אויך געווען די רעדעס און דעקלאמאציעס פון די קינדער: פייגע שאפיר, חנה פייגע רייזענשטאט, דניאל ריפינסקי, אהרן פלעש. יאנקעל פירסטענבערג, לייזער ניערוב און ישעי' בירענבוים.

די דאזיגע ארויסטריטען האבען געקענט דינען פאר א מוסטער פון קינדער-צוגרייטונג. און דאס איז נאר א דאנק — ווי שוין דערמאנט אין אונזער צייטונג — דעם ניי-אנגאזשירטען לייטער הרב ד"ר הורוויץ, וועלכער ווייזט זיך ארויס אלס אויסגעצייכענטער פעדאגאג, וואס קען דעם גייסט און נשמה פונ'ם יודישען קינד בכלל און אונ'ם יתומ'ל בפרט.

מיר האבען אויך שוין דערמאהנט, אז ד"ר הורוויץ האט די צווייטע סדר-נאכט גערעדט א פאר זעהר ערנסטע ווערטער וועגען דער בעציהונג פון דער שטאדט צום בית-יתומים-אנשטאלט. אבער, ליידער, מוזען מיר פעסטשטעלען (און דא טאקע שטעקט דער פערדרוס און צארען), אז... סיי די ערנסטע ווערטער פון הרב ד"ר הורוויץ און סיי די געלונגענע ארויסטריטען פון די קינדערלעך, האבען זיך אנגעטראפען אין כמעט לעדיגע ווענט...

געצעהלטע, גאר געצעהלטע זענען געקומען זעהען דעם ס ד ר פון די טאטע-מאמעלאזע קינדערלעך. זייערע נעמען? — צאהן-דאקטאר טאטאר, פרוי לאסטמאן, משה פוקס, רעד. הערץ, ה' ווארכיוועקער מיט זיין פרוי, די פרויען האכמאן און פראמניצקא און פרוי בלימה ראטענבערג מיט איהרע זיהן משה און מאניס (דער לעצטער האט, אגב, געשאנקען 50 זל. פאר'ן בית-יתומים אויפ'ן נאמען פון זיין זוהנעלע אליהו, וועלכער איז אויך מיטגעווען ביים סדר). אפגערעדט פונ'ם ה' מרדכי לאנגער, וועלכער איז געווען דער הויפט-מחותן אויף ביידע סדר-נעכט.

ווי איהר זעהט, זענען דאס געצעהלטע מענשען, וועלכע מ'קען אויף די פינגער אויסרעכענען, איז וואו — פרעגט זיך — זענען געווען אונזערע היימישע „וואוילטעטיגע" דאמען און הערען? פאר וואס זענען זיי נישט געקומען אויף דער איינלאדונג פון דערמאנטען אנשטאלט? איז דער וועג צו ווייט געווען? האט דער יחוס נישט געפאסט? האט מען מורא געהאט פאר דער „סכנה" אז... די שענע קליידער וועלען אביסעל פערשטויבט ווערען איבער'ן וועג? און אפשר גאר האבען אונזערע ראדאמער דאמען און הערן אזעלכע „ווייכע" און „פיהלענדע" הערצער, אז... זיי קענען זיך „נעבעך" נישט צוזאמענטרעפען פנים אל פנים מיט'ן עלענדען יתום?..

מעגליך, גאנץ מעגליך, אז זיי האבען טאקע געטהון ווי יענער גביר, וואס האט געלאזען געפרוירען ווערען אן ארימען יוד פון קעלט און — נישט אויפגעשלאסען די טהיר, ווייל... ער האט „נעבעך" נישט געקענט צוזעהען ווי א יוד ציטערט אין דרויסען פאר קעלט...

מילא, האבען מיר גארנישט צו זיי, צו די „וואוילטעטיגע" לייט. אז מען האט אזעלכע „ווייכע" הערצער איז דאך נישט שייך...

גייען זיי טאקע, בעסער, די לייט, אויף א דאנסינג, אויף א קערמארש, אויף א קאמערס און נאך אזעלכע פארוויילונגען, וואו מ'קען כאטש ווייזען א פריילעך פנים און דער עיקר: וואו מ'קען זיך באווייזען מיט דער גארדעראב...

אבער דארט, אין בית-יתומים — ניין! נישטא! קיין הארץ... זאל זיך וועגען זיי זארגען מרדכי לאנגער, בלימה ראטענבערג און אנדערע... זיי אבער, זאל מען צורו לאזען... זיי זענען צו איידל. ס'איז גענוג — זאגען זיי — וואס זיי נעמען אוועק די האנט פון הארצען און „דערלויבען" די בית-יתומים-קינדער צו צעטראגען די איינלאדונגען אויף זייערע פארוויילונגען, נאכצוטראגען זיי די קווישען א. ז. וו. אבער פארברענגען מיט די קינדער — „ניע וויפאדא",,, (יא, עס פאסט טאקע נישט און עס איז א חרפה אבער,,, עס ווענדעט זיך וועמענס חרפה עס איז,., די קינדערלעך — זיכער נישט. גיכער איז עס אייער שאנדע!)

און... וואו זענען אויך געווען דער גרעסערער טייל פערוואלטונגס'ס-מיטגלידער? אויף זיי איז דאך שוין יא געלעגען די פליכט צו כאפען כאטש א בליק ווי אזוי עס זעהט אויס דער סדר (און ממילא דער יום-טוב) ביי די אלטע לייט (מושב-זקנים) און ביי די קינדער („בית-יתומים"). פארוואס, א שטייגער, האט משה פוקס, וועלכער האט אפגעארבעט א שווערע ערב-יום-טוב וואך, געהאט מערער פארשטענדניש צו קומען א מידער זעהען די בית-יתומים-קינדערלעך — פאר די, וואס טראגען די שליפעס און האבען בענקלעך אין דער זעלבער אינסטיטוציע?

יא, א סך פארוואסן איז זיך דא צו פרעגען, אבער זיי וועלען, וואהרשיינלעך, קיינמאהל נישט פארענטפערט ווערען, אדער זיי וועלען העכסטענס פארענטפערט ווערן פונקט ווי אלע קשיות וואס די קינדער האבען געהאט צו פרעגען (צווישען זיי — די דריי ברידערלעך מינקאווסקי פון פשיטיק) זענען פארענטפערט געווארען דורכן סדר-אפריכטער, הרב ד"ר הורוויץ מיטן טראדיציאנעלען ענטפער: עבדים היינו...

אבער, צו וואס, אייגענטלעך, דאס מוסרן? ווי זאגט מען: „א גוטער דארף קיין בריוו און צו א שלעכטען העלפט קיין בריוו..."

גלייכער טאקע צו לאזען אונזערע דאמען הוליען און פארהוליען זיך אין זייער היימישען געמייזעכץ און מיר וועלען בעסער ביי דער געלעגענהייט כאפען א בליק ווי אזוי די אלטע לייט פון „מושב זקנים" ריכטען אפ דעם סדר. אבער שוין פון אנפאנגס מוזען מיר דא פעסטשטעלען אז אויך דא האט אונז איבערראשט די מוסטערהאפטע צוגרייטונג: אומעטום ריין, שיין, ציכטיג, יום-טוב'דיק און דער עיקר: אלע אן אויסנאהם פילען זיך גוט, היימיש און פריי!

אט די דאזיגע איבערראשונג אונזערע האט אונז ממש געצוואונגען זיך נענטער צו באקענען מיט דעם דאזיגען אנשטאלט.

דעם היגען „בית יתומים" און „מושב זקנים" קענען מיר דאך נישט ערשט פון נעכטען און נישט פון פאראיאהרען, דאך קענען מיר מיט פרייד פעסטשטעלען, אז מיר האבען בפירוש נישט דערקענט דעם גאנצען אנשטאלט, וואס

האט זיך אזוי געביטען צום גוטען, נישט צו דערקענען. און ווידער מוזען מיר דא פעסטשטעלען, אז דאס איז נאר א דאנק דעם ה' מרדכי לאנגער, וועלכער וואכט מיט ליבע און איבערגעגעבענהייט איבער אלץ און אלעמען. נישטא דער טאג, אז ער זאל נישט קומען כאפען א בליק. דא צו די אלטע לייט, דא צו די קינדער, דארט צו דער ווירטשאפט און וואו נישט? אומעטום דערגרייכט זיין ווארעמער בליק און צארטע האנט. אפילו מיט די גרעזלעך, וואס הויבען שוין אן ארויסשפראצען ארום דעם אנשטאלט, פרייט ער זיך אויך. זיין ארבעט איז עס! נישט אומזיסט זאגט מען אויף איהם, אז ער איז דאס הארץ פונם אנשטאלט.

מען קען אבער אויך נישט פאריבערגיין, נישט צו דערמאנען צום גוטען די פרוי מינע גראספעלד, וועלכע האט זיך אזוי שטארק צוזאמענגעלעבט מיט די קינדער און אלטע, אז מיר קענען זיך גארנישט פארשטעלען ווי אזוי עס וואלט אויסגעזעהען אן איר.

ביי דער געלעגענהייט וועלען מיר געבען א קורצען איבערבליק איבער דער טעטיגקייט פון ביידע אינסטיטוציעס: „בית-יתומים און מושב זקנים".

אין בית-יתומים געפינען זיך ביים

(ענדע אויף זייט 6)

„אטא די מעשה"...

געווידמעט דעם „פענאמענאלען" יובל - ווערק

וואויל איז דיר שטאדט, וואס פערמאגסט אזא געראטענעם זוהן, אזא „קולטור-טהוער" און „קולטור-פערשפרייטער", ווי ל. פישמאן...

פריי זיך שטאדט, וואס דיין געשיכטע ווערט פעראייביגט דורך אזא בעריהמטען היסטאריקער און אינטעלעקטואליסט, ווי עס איז סמבטיון — פרידמאן...

„די צוקונפטיגע דורות — שרייבט ל. פישמאן — וועלן, געשטיצט אויף דעם מאטעריאל, (פונם יובל-נומער — נ. ה.) זיך קאנען פארשטעלען"...

אוי, וועלען זיי זיך האבען, וואס פארצושטעלען!

אבער, פאר וואס זאלען מיר עפעס איבערלאזען דעם גאנצען עונג. דעם גאנצען פארגעניגען אונזערע אייניקלעך און אור-אייניקלעך?

לאמיר אליין אויך געניסען פון פישמאנ'ס קולטור-פערשפרייטונג און פון פרידמאנ'ס טרויעריג-פרייליכע געשיכטע...

מי בראשו — וואס דערלאנגט מען פריהער? קולטור, ליטעראטור, צי געשיכטע?

— ליטעראטור!..

האט איהר איצטער דעם כבוד צו הערען דעם בחור זלמן זינגער.

אינ'ם ארטיקעל: „מאמענטען פון י. ל. פרצ'ס סאציאלער דיכטונג". שרייבט דער דאזיגער יונגער „קריטיקער":

„כדי אבער צו האבען א גענוי און דייטליך בילד פון פרצ'ס סאציאלען שאפען, קען אונז דינען דאס פ ע נ א מ ע נ א ל ע ווערק זיינ'ס: — „ביים חופה - קליד"...

...„אין דערמאנטען ווערק געפינט זיך אויך א מ ע ש ה דערצעהלט דורך א י י נ ע ר פון די שניידער-מ י י ד ל ע ך וועגען „צוויי ברידער". א ט א ד י מ ע ש ה, וועלכע איז דער בעסטער אנאליז פון דער ענטשטעהונג פונ'ם קלאסען-אונטערשיעד, האט פרצ'ן געשטעלט אין דער ערשטער רייה פון סאציאלע דיכטער"...

פרצ'ס א סצענע פון ווארשאווער לעבען, ווערט ביים יונגיטשקען זינגער פערוואנדעלט אין א „פענאמענאל ווערק", אין... א ט א ד י מ ע ש ה, האט פרצ'ן געשטעלט אין דער ערשטער רייה פון סאציאלע דיכטער!

קומט נישט דעם ה' פישמאן א דאנק וואס ער האט אונז ענטדעקט אזא וואוילגעלערענטען ליטעראטור-קענער!?

מ'דארף זיך נאר ווינשען, אז ווען דער קליינער וועט עלטער ווערען, זאל ער זיך נישט פערלאזען קיין בארד, ווייל דעמאלט וואלטען „די צוקונפטיגע דורות" נישט דערקענט, ווי אזוי „אטא די מעשה" האט אויסגעזעהען...

אין דער זעלבער סצענקע („ביי דעם פרעמדען חופה-קלייד") איז פערהאן א שורה:

די ליפען פערביסען, די פויסטען געבײלט.

יא, די פויסטען בעטען זיך גוט אויסצובאקסעווען סיי דעם „קולטור-פערשפרייטער", סיי דעם „ליטעראט" זינגער!..

וועגען דעם הויכען קולטור-מצב, וועלען זיך „די צוקונפטיגע דורות" דערוויסען פונ'ם ארטיקעל: „דאס יודישע קולטור און מוזיק-לעבען אין דאס אמאהל".

דער חשוב'ער ארטיקעל שרייבער שילדערט:

„דער דראמאטישער קרייז האט אין א קורצע צייט זיך פערמאסטען אויפצופיהרען עפענטליך, אויפפיהרענדיג אונטער דער רעזשי פון מאקסים לאטטע „צעזייהט און צעשפרייט" פון שלום עליכם. די פארשטעלונג איז אויסגעפיהרט געווארען אין טעאטער-זאהל פון „ליגא-קאביעט" (היינט באהן-דירעקציע).

א העכסט — וויכטיג געשעהעניש אין היגען קולטורעלען לעבען!

די „צוקונפטיגע דורות" וועלען מעגען שטאלץ זיין מיט זייער שטאט.

א שאד נאר, וואס זיי וועלען שוין נישט טרעפען די באהן-דירעקציע, ווייל ווי באוואוסט, ווערט זי איבערגעטראגען קיין... כעלם...

נאאיוו-תמ'עוואטע איז דער אריינפיהר אינם ארטיקל: „די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין ראדאם".

דער שרייבער באקלאגט זיך נעבעך:

„ס'איז שווער צו שרייבען וועגען זאכען וועלכע זענען געשעהען מיט 30—35 יאהר צוריק, נישט האבענדיג אונטער דער האנד קיין „זכרונות-בוך"...

א, פריינט זכרונות-שרייבער! ווען אזא „זכרונות-בוך" וואלט געווען, וואלט איהר שוין ממילא פארשפארט צו שרייבען אייערע זכרונות...

„די צוקונפטיגע ד ו ר ו ת" וועלען אבער פאדערן מאטעריאל פון די יארן 1904—1910, מוז מען אויף באשטעלונג באריכטען:

„צו יענער צייט זענען געקומען קיין ראדאם די צוויי ברידער אייזענברוך אלס שליחים פון צענטראל-קאמיטעט פון „בונד". די ברידער אייזענברוך האבען געפירט די אויפקלערונגס-ארבעט צווישען די ארבעטער און אינטעליגענטע קרייזען, די וועלבע, קאן מען זאגען, זענען געווען די הויפט-אנפיהרער מיט דער באוועגונג אין ראדאם. ווען די צוויי ברידער אייזענברוך האבען פערלאזט ראדאם, זענען געקומען אנדערע פארטיי-שליחים און האבען אויך געפירט א ברייטע פראפאגאנדע-אקציע מיט דערפאלג".

א קלאר בילד — ניין?

ויסעו ויחנו — די זענען אוועקגעפאהרען, אנדערע זענען געקומען און... די זאך איז דערלעדיקט!

און אצינד באקומט דאס ווארט דער מחבר פון דער „ראדאמער געשיכטע"...

חבר פרידמאן — רעדט!

„אין פלוג קלינגט עס אביסל פאראדאקסאל: זאל מען טאקע די ראדאמער מחלוקה איינוויקלען אין ביבולע-פאפיר פון געשיכטע? האבען מיר באמת זוכה געווען אריינגענומען צו ווערען אין דער יודישער געשיכטע? אט די אלערליי מעגלעכסטע פראגען דרענגען זיך עקשנות'דיק אויפן רעיון"...

איהר זעהט ווי זיין רעיון ארבעט, וואס פאר א פאראד-אקס דאס איז!

חבר, רעדט ווייטער!

„יא, די ראדאמער געשיכטע וועט אין שפעטערע יאהרען אויסזעהן ווי אן עקרה-תקופה אויף אלע געביטען פון אונזער געזעלשאפטליכען לעבען. נוצליכע זאכען זענען ווי רויך פארשווינדען. דער מינדעסטער שמייכל אויף די ליפען פון נעכטיגע שונאים האט געמאכט קינדיש דאנקבאר"...

כ'בעט זיך צו פארהאלטען רואיק; שטערט נישט דעם רעדנער...

חבר — רעדט!

„אין די שפעטערע יאהרען וועט די ראדאמער געשיכטע האבען צו דערציילען וועגען א סך אזעלכע דראסטישע מאמענטען, מיט טויזענטער מענטשען פון דער שטאט, וועלכע האבען געלעבט פשוט, געארבעט, גערעכענט געשריבען וועקסלען, אויסגעגאנגען פון הונגער און נויט, אדער שטיל געליטען און געקרעכצט און נישט געוואוסט, אז זיי זענען נישט מעהר ווי מאטעריאל פאר דער „צוקונפטיגער ראדאמער געשיכטע"... (פאר איהם דעם „געשיכטע-שרייבער" פרידמאן).

חשוב'ע פריינט! דער רעדנער איז שטארק פערמאטערט, האט ער נישט אלץ געקענט קלאר ארויסברענגען...

חבר! צי לוינט זיך עס אזוי צו פראצעווען פאר די „צוקונפטיגע דורות"?

וואס, איהר שפירט זיך נישט גוט? — אפשר א קאלטען קאמפרעס צום קאפ? צו אלדע רוחות האט איהר זיך געדארפט נעמען שרייבען געשיכטע!...

• • •

אזוי זעהען אויס די „פענאמענאלע" קולטורעלע אויפטועכצער פונם היינציגען מנחם-מענדעל.

אזוי זעהט אויס אטא די מעשה... מיט לייזערס יובל-נומער מיטן „אינהאלט 20 זייטען" (אזוי ווערט געמאלדען לעבן קאפ פונם נומער).

און אויב, „די צוקונפטיגע דורות" וועלען דרייען מיט דער נאז, אויף „אונזער" יובל-נומער, וועלען זיי כאטש האבען א טרייסט, אז אין אונזער צייט איז מקיום געווארען דער וגר זאב עם כבש; זיי וועלען באשיינפערלעך זעען (פון דער בילדער-זייט), אז דער סאציאליסטישע „וואלף" — וואלף פייגענבוים איז „געשטאנען" אין איין קוואטיר מיט די קאפיטאליסטישע שעפסעלעך...

זאל כאטש דאס זיין א טרייסט!..

נ. האלצמאן

פ. ס.

פאר די היינטיגע, און פאר „די צוקונפטיגע דורות" בין איך מודיע, אז איך באניץ זיך קיינמאהל נישט מיט קיין פסעוודאנים, נאר שרייב זיך שטענדיג אונטער „נ. האלצמאן."

צוויי סדרים, צוויי דורות אונטער איין דאך.

(סוף פון זייט 5)

הײַנטיגען טאָג בײַ 80 קינדער אין עלטער פון 4 ביז 14 יאָהר. פאַרהאַן צווישען זיי קײלעכדיגע יתומים, האַלבע יתומים, סתם אָרימע קינדער און אויך די ברידערלעך מינקאָווסקי פון פשיטיק.

אַלע קינדער גייען אין פאַרשידענע שולען. אָבער א חוץ דעם, איז אינם בית-יתומים אײַנגעפיהרט א קורס פאַר העברעאיש, יודיש, שמועסען איבער יו-דישע געשיכטע און ליטעראַטור, גע-זאנג, דעקלאַמאַציע א. ז. וו. דאָס אַלץ ווערט אָנגעפיהרט דורכן דערמאָנטען לייטער, הרב ד"ר הורוויץ, וועלכער לייגט אַוועק זייער א סך אַרבייט, כדי צוצוגרייטען די קינדער צום קומענדי-גען לעבען.

די קינדער זענען פון פאָלגענדע שטעט און שטעדטלעך: ראַדאָם, וואַרשא, ליפסק, שידלאָוויצע, דרילטש (אילזשא), אָסטראָווצע, וויערזשבניק, פשיטיק און קוזמיר.

קינדער פון פאַרשידענע געגענטען, אָבער פונדעסטוועגען, האָט זיי די גע-מיינזאַמע לאַגע זייערע פון איין זייט און די צאַרטע באַהאַנדלונג פון בית-יתומים אַנשטאַלט פון דער צווייטער זייט, פאַראייניגט אזוי, אַז זיי פילען זיך נעענטער צווישען זיך ווי לייבליכע שוועסטערלעך מיט ברידעלעך.

איצט „מושב זקנים": אינם דאָזיגען זקנים-הויז געפינען זיך בײַ הײַנטיגען טאָג בערך 30 זקנים פון פאָלגענדע שטעט: ראַדאָם, פשיטיק, ראַכעוו, יעדלנע, זוואָלין און שידלאָוויצע.

מען דאַרף נישט פערגעסען, אַז אַלטע לייט לאָזען זיך נישט אזוי דיסציפליני-רען ווי יונגע קינדער, נאָר פאַרקעהרט: האָבען שטענדיג פאַרשידענע קאַפּריזען, פונדעסטוועגען באַהאַנדעלט מען זיי מיט אויסערגעוויינליכען געדולד און פאַרשטענדניש. איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואָס אַלע אָן אויסנאַהם פילען זיך גוט און היימיש ווי בײַ זיך אין דער היים.

פון די געבראַכטע ציפערן און פאַקטען איז צו זעהען, אַז סיי דער בית-יתומים" און סיי דער „מושב זקנים" ווערן געפיהרט אויף א מוסטערהאַפטען אופן און זענען דעריבער ווערט אונ-טערגעשטיצט צו ווערן מיט דער ברייטער האַנד סיי פון די ראַדאָמער גבירים און סיי פון אונזערע שוועסטער און ברידער פון יענער זייט ים — פון אַמעריקע.

בײַ הײַנטיגען טאָג אַרבעט דער אַנ-שטאַלט מיט א גרויסען דעפיציט. דאַר-פען מיר טאַקע אַלע, מיט געמיינזאַמע כוחות זעהען אונטערצושטיצען די דאָ-זיגע אינסטיטוציע, וועלכע נעמט אַרום אזוי צו זאָגען צוויי וועלטען: דעם אוועקגייענדיגען דור — דעם מושב זקנים און דעם אונטערוואַקסענדען דור — דעם בית יתומים.

ל. גראַבי.

פון דער אלגעמיינע פערזאמלונג אין סוחרים-פעראיין

מאָנטאָג איז פאָרגעקומען אין סוח-רים - פעראיין אַן'אַלגעמיינע פערזאַמ-לונג צום צווייטען מאָהל. די ערשטע פערזאַמלונג איז נישט צושטאַנד געקו-מען צוליב דער שוואַכער פרעקווענץ. לײַדער, האָט אויך דאָס מאָהל דאָס סוחרים'טום נישט אַרויסגעוויזען די גע-העריגע פעראינטערעסונג צו זייער אָר-גאַניזאַציע און נאָר די מעהר-בעוואוסט-זיניגע צווישען זיי זענען געקומען.

דעם פאָרזיץ האָט געפיהרט דער ה' משה פעדערמאַן, וועלכער האָט אין א לענגערע רעדע כאַראַקטעריזירט די יעצטיגע פראָבלעמען פון ווירטשאַפטלי-כען לעבען און די נויטווענדיגקייט פון צונויפברענגען די סוחרים אין איין שטאַרקע אָרגאַניזאַציע. ה' פעדערמאַן האָט גלייכצייטיג אַרומגערעדט פערשי-דענע שטייער-פראַגען.

א בעריכט פון דער טעטיגקייט פון סוחרים-פעראיין פאַר'ן פערגאַנגענעם יאָהר האָט אָבגעגעבען דער ה' מערין.

וועגען דער מלוכה-סובסקריפּציע האָט גערעדט דער ה' פ. פרענקעל, וועלכער האָט גערופען די סוחרים צו נעמען א לעבהאַפטען אַנטייל אין איהר.

אַלס ראַטמאַן פון דער האַנדעל'ס-קאַמער האָט ה' פרענקעל בעריהרט דעם פראָיעקט פון דער נייער פעראָרדנונג וועגן אונטערנעמונגען, וועלכע ווערען געפיהרט אין ברייטען מאַסשטאַב; וועגען פראָיעקט אײַנצופיהרען עגזאַמען'ס פאַר האַנדעל'ס שילער א. ד. גל.

ה' כוואַט האָט בעריכטעט וועגען זיין טעטיגקייט אין דער סאַניטאַרער קאָמיסיע און אויך אַרומגערעדט דעם ענין פון פערעפענטליכען די פרייזען אין האַנדעל.

נאָך א דיסקוסיע זענען פאָרגעקומען וואַהלען, אין רעזולטאַט פון וועלכע ס'איז אויסגעוועהלט געוואָרען א נייער ראַט און פערוואַלטונג אין פאָלגענדען צוזאַמענשטעל:

אין דער פערוואַלטונג זענען אַרײַן די ה"ה: עזריאל גראַספעלד, א פרידלאַנד, ל. מאַרגאָלעס, י. קאַרמאַן, ש. כוואַט, ס. גראַסמאַן, י. טעפּערמאַן און מ. ריכטמאַן.

אין ראַט זענען געוועהלט געוואָרען די ה"ה: פ. פרענקעל, מ. פעדערמאַן, מ. לאַנגער, ח. בירענבוים, ס. פעפער, י. בערקמאַן, ס. זילבערשטיין, י. פור-מאַן, א. קליינמאַן, ל. מ. זיסערמאַן, מ. פישמאַן, י. טורעק.

קירצליך זאָל דער סוחרים-פעראיין זיך איבערטראָגען אין א גרעסערען לאָ-קאַל און אָנהויבען א ברייטערע אויפ-לעבונג'ס-טעטיגקייט.

איך פערבעט אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק העכער הונדערט ראַדאָמער יודען.

איך ווענד מיך דאָ צו העכער 100 ראַדאָמער יודען מכח פאָלגענדען ענין:

ג. ה"ה!

ווי אייך איז וואַהרשײַנליך בעקאַנט האָט די געוועזענע גמינע אונטער מיין פאָרזיץ ממלא געווען אייער רצון, וועל-כען איהר האָט אויסגעדריקט אין אייער פעטיציע, דער אינהאַלט פון וועלכער עס לויטעט אזוי:

צו דער געעהרטער

יודישער קהלה - פערוואַלטונג

אויף דער האַנד פון חשוב'ען פרעזעס

ה' מרדכי דען

אין ראַדאָם.

אין דער לעצטער צייט איז אין אַל-געמיין אויפגעבראַכען געוואָרען די צוים פון כשרות. אין יעדער שטאָדט ווערט געטהון אויף דעם געביט און עס ווערט פילפאַכיג פערגרעסערט און פערשטאַרקט דורך מנקרים און נאמנים, כדי אזוי אַרום צו זיכערען דאָס כשרות פאַר די יודישע בעפעלקערונג. אין פיעל גרע-סערע שטעדט זענען אַנגאַזשירט געוואָ-רען ספּעציעלע נאמנים פאַר יעדע יאַטקע בעזונדער. אין אונזער שטאָדט, אויכ-וואָהל עס ווערט געטהון און געזאָרגט כאַר כשרות, דאָך פעהלען קרעפטען אַוועקצושטעלען די השגחה אויף דער געהעריגער הויך.

אין אַזאַ שטאָדט ווי ראַדאָם מיט א בעפעלקערונג פון 30.000 יודען אָהן ע"ה, וועלכע ווילען נישט נכשל ווערען אין עסען מאכלות-אסורות, איז די צאָהל פון צוויי מנקרים א צו קלייגע צו גאַראַנ-טירען, אַז עס זאָל ווערען געגעסען כשר פלייש. נאָך דער גרויסער ענדערונג אויף דעם געביט וואָס איז אַרײַנגעטרע-טען מיט די שחיטה-גזירה, מוז די השגחה פערגרעסערט ווערען.

ביז יעצט האָבען געפעהלט די גע-הערינע קאַנדידאַטען אויף דעם אַמט, נאָר יעצט האָט דער וואַרשאַווער סע-מינאַר פון ניקור אַרויסגעגעבען א אַנ-געזעהענעם מענש פון אונזער שטאָדט ר' חיים גאָלדבערג, וועלכער איז בעקאַנט אַלס פעראַנטוואָרטליכער און פּאַסיגער צו פערנעמען דעם אַמט פון מנקר און נאמן.

מיר זענען זיכער אַז ר' חיים גאָלד-בערג וועט מיט זיין ענערגיע פיעל לייסטען לטובת הכשרות אין אונזער שטאָדט און דאַן וועלען אַלע יודען זיין זיכער, אַז זיי עסען גלאַט-כשר פלייש.

מיר בעטען אַלזאָ די געעהרטע קהלה פעריוואַלטונג מיט'ן חשוב'ען פרעזעס בראש נאָכצוקומען די נויטווענדיגקייט פון די זאַך און דעם געברויך פון דער גאַנצער שטאָדט און אָהן השמטה צו אַנגאַזשירען דעם ה' חיים גאָלדבערג אויפ'ן אַמט פון מנקר און נאמן אין ראַדאָם.

מיט אַכטונג — אונטערשריפטען:

הק' יוסף אליעזר בהה"ק מ'קינצק זצ"ל חתן דודי ההצו"ק מ'ביאַלאָבזשיג זצ"ל (סטעמפּעל) הק' משה אַ"ב בהר"י זצ"ל מאָסטראָווצע (סטעמפּעל) משה א"ב ראָבין (סטעמפּעל)

אַלעזר בערגער, מרדכי מנחם אשפיז, שלמה פאַטראַן, יעקב פאַטראַן, יעקב יאַנאָווסקי, מענדעל שטשאַראַנסקי, בע-ריש וויינאַכט, שלמה געלבאַרד, אלעזר דיאַמאַנט, יונה הערשענשטראוס, קלמן ריכטמאַן, בנימן הערשענשפּראַז, מאיר דוד מעדמאַן, ישראל געליבטער, יחיאל בוים, יצחק בירענבוים, שמואל זילבער-בערג, חיים טענענבוים, שמואל מאַנדעל-זיס, גרשון מאַנעלאַ, יעקב מענדעל מר-גליות, יעקב טעפּערמאַן, שמואל ראָזענ-צווייג, איטשעל מאָרגענבעסער, משה לייב אָסטראָוויעצקי, בעריש ווייכמאַן, צבי פעלדמאַן, יוסף צוקער, אברהם מענטליק, לוי קאַלמאַס, דוד קאַפּער, מאָטעל קאָזלאָווסקי, חיים יוסף מילשטיין, אברהם הכהן פערל, מאיר אייכענ-בוים, י צ ח ק ל י ט וו אַ ק, חיים י ו ס ף ש אַ ט ל אַ נ ד, אברהם גראָס-פעלד, שמואל גאָלדפעדער, ישעי איי-זענמאַן, נתן דוד פריידענרייך, יצחק זאב רובינשטיין, משה ליפא רעמבי-שעווסקי, שמואל באַנגאַרט, יחיאל וויינ-טראָב, יעקל באַנקער, יעקב הירשבערג, פייוועל פיראַנקאַ, קלמן אייזענבערג, שלום שכנא באַנקער, יעקב אַסאַב, עקיבא לאַכטיגער, משה בוים, משה יחזקאל שטיינמאַן, חיים יעקב אַפּעלבוים, חיים פרידמאַן, ישעי' מעלכיאַר, יוסף וויינבערג, יעקב גלינקעוויטש, ישראל בירענקרויט, משה אהרן בירענבוים, יעקב יוסף באַנקער, מאיר בוימאַן, לייבל מינצבערג, יצחק ריכטמאַן, הירשעל פרידמאַן, אליעזר יעקב גרינשטיין, דוד מענדל פערל, חיים קאָזלאָווסקי, שבתי פרידמאַן, ישראל מאיר באַרינשטיין, יעקב גאָלדמאַן, מאיר מאַנדעל, אהרן גאָלדבערג, יעקב לייב שיינפעלד, משה

אלעזר בערגער, מאָטל זעלצער, יוסף פרידמאַן, אברהם זיידמאַן, יחיאל גאָלד-בערג, מענדל דוד בריקס, מיכל ריכט-מאַן, יצחק טאָבער, זעליג גאָלדפאַרב, אליעזר וויינבערג, דוד וויינבערג, אביגדור גאָלדפאַרב, ירמי' ראָזענבערג יעקב שמחה הענדעל, חיים קעניגס-בערג, חיים ניימאַן, ירחמיאל גוטמאַן פנחס פרידמאַן, יעקב יוסף פרידמאַן, אברהם אבראַמאָוויטש, אַנטשעל נייהויז, לייביש ראָזענצווייג, לייביש מענדעל זיסערמאַן, יצחק ביאַלסקי.

אויף דעם סמך האָט אייער פּראַטע-זשירטער ה' חיים גאָלדבערג, וועלכען די געוו. גמינע האָט אַגב אורחא בע-שעפטיגט צוו. אַנד. ביים ניקור פון חלק אחוריים — געקריגען אין פערלויף פון א געוויסע צייט, פון דער גמינע פאַר זיין ווירקליך פלייסיגע אַרבייט, לחם עוני פון 3—2 זל. א טאָג פאַר זיך און פאַר זיין אָהן ע"ה צאָהלרייכע בני-בית (9 קינדער)

היות ווי עס קומען צו מיר ידיעות, אַז לויט דער מיינונג פון דער יעצטי-גער גמינע-פערוואַלטונג זענען מיר בע-גאַנגען א גרויסען חטא, און זי פאָדערט פאַר קהל א געלד-הזרה אַלס א שאָדען-ערזאַץ — האָב איך דעם כבוד אייך מיט צו פערבעטען אויף דער בעשול-דיגונגס-באַנק, וואו מען זעצט אונז אַוועק אָבער ווי איך גלויב אָהן חרפה. איך וויל אויך גלויבען, אַז די קאָנסעקווענ-צען קאָנען מיר אַלע מקבל באהבה זיין. אויב אין דעם ענין איז דאָ אַנ'אומרעכט, קען מען זי געפינען אויף דער צוויי-טער ווייס.

מ. דען

קורח שפיקח היה...

ער איז דאך א גאנצער חכם, א פיקח, א שארפער מוח — זאגט שמיל-שמעלקי — כ'מיין ער, דער גאנצער קאפעליש-מאכער. היינט. וואס-זשע גייט ער און טהוט איצט אפ נארישקייטען נאך נאריש-קייטען?

ווי פאלט ער אויס אויפ'ן ניכטערען מאגען איינצושלינגען אזעלכע זאכען, וואס מוזען איהם ארויס באקיפּם, און פון וועלכע ער וועט מוזען סוף כל סוף קריגען מאגען-קראמפען...

עס קאן זיך ראך מאכען אזוי, אז נאך זיין ערשט בוך וואס הייסט „מיין קאמף", זאל זיין צווייט בוך מוזען הייסען „מיין קראמף".

א-נו-יא. ווי קומט עס טאקע וואס אזא שפיציגער קאפ גייט מאכען אזעלכע נא-רישקייטען, איינס נאך איינס. גייט איינ-רייסען מיט דער גאנצער וועלט, פער-טשעפעט זיך אפילו מיט אמעריקא, און האלט ווייטער אין סטראשען די גאנצע מיט שרגא?

איז דער תירוץ — ק ו ר ח...

עסך האט דאך שוין אוודאי געהערט. ווי א ליטווישער מלמד האט אנומעלט אויסגעטייטשט א פסוק אין קורח.

אויב עטץ האט נישט נעהערט — טא הערטס:

— קורח שפיקח היה... קורח, וואס איז שוין יא געווען א מודרעץ... מה ראה לשטות זה... ווי קומט ער צו טהון אזא דוראפּשעססווע? מאכט רש"י: עיניו הטעי-תו .. ס'הייסט. דאס אויג האט איהם אפ-מאניעוועט... איז ער טאקע אוועק אין קו-טשארטו מיט דער גאנצער סעמעיסטווע...

אזוי איז עס אין חומש געווען מיט קורח'ן און מיט זיין גאנצער משפחה, מיט די בני קורח. כאטש ער איז דווקא געוועזן א גביר אדיר, געהאט צופרעסען צו-זעט. און וואס ער איז שוין געווען דער אמת'ער קלוגער פארשוין — א ממזר ממש — אין דאך איז ער איינגעזונקען געווארען אין דער ערד. אז פון איהם איז קיין שפור נישט געבליבען. חוץ נאר אין חומש און רש"י, היינט ווער רעדט נאך, אז אונזער פארשוין איז כידוע טאקע א טיפוש גדול ונורא, וואס עס איז א סוד פאר גאנץ בראד. און וואס צו פרעסען האט ער די גוטע קרענק מיט ס'קדחת, און וואס איז שוין ווייט נישט קיין גביר?!..

אזא איינעם, אז „דער אויג אפמאניע-וועט איהם" און ער פעררעכענט זיך אינ'ם חשבון. איז נעבעך אז-אך-און-וויי צו זיינע יאהרען, און עס איז שוין מסהר ווי א פּעוונע זאך, אז ער וועט אוועק אין קו-טשארטו מיט דער גאנצער סעמעיסטווע...

די קשיא איז נאר: ווען, טאטע זיסער?!..

ע פ י ס א י ל ט מ ע ן ז י ך צ ו פ א מ ע ל י ך...

שמילשמעלקי.

אלגעמיינע פערזאמלונג אין באנק אודזיאלאווי.

זונטאג דעם 16-טען ה. מ. איז אין באנק אודזיאלאווי ספּולדזיעלצי זשעראמסקי 9 פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע מיטגלידער-פערזאמלונג.

אין דער פערזאמלונג האט אנטייל גע-נומען דער פארשטעהער פון רעוויזיאנ'ס-פערבאנד אין ווארשא אינספעקטאר ה' ב. מאטיק.

דעם בעריכט פאר'ן יאהר 1938 האט אין נאמען פון דער פערוואלטונג אנגעגע-בען ה' י. קויפמאן.

פון בעריכט איז צו זעהען, אז אין יאהר 1938 האט די באנק זיך קאלאסאל ענטווי-קעלט. האט גענאסען פון א גרויסען ווק-לאדען-צוטרוי, און האט געפיהרט א גרויסע און ביליגע קרעדיט טעטיגקייט.

אינספּ. ה' מאטיק האט אונטערגעשטרא-כען דעם געזעלשאפטליכען כאראקטער פון באנק, פעסטשטעלענדיג אז די באנק ווערט היינט געפיהרט אויף ריינע, געזונטע קאא-פעראטיווע יסודות, און איז ממילא א נוצ-ליכע אינסטיטוציע פאר די יודישע געזעל-שאפט אין ראדאם.

די פערזאמלונג האט, נעמענדיג דעם בעריכט צו קענטניס, אויסגעדריקט צוטרוי דער פערוואלטונג, און זי ווידער געוועהלט אויפ'ן נייעם יאהר.

צום סוף האט אינספ. ה' מאטיל געמאל-דעט, אז די באנק האט בעקומען די רעכט אנצונעמען די סובסקריפּציע פ ו ן דער הלואה פאר ל ו פ ט - פערטיי-דיגונג, און אפעלירט צו די פערזאמעלטע צו פיהרען א פּראפּאגאנדע, אז אלע יודען זאלען מאסענווייז צייכנען די הלואה אין דער באנק אודזיאלאווי ספּולדזיעלצי — זשעראמסקי 9.

ארץ ישראל רופט:

שטיצט דעם קרן - היסוד
— כ ו פ ר - ה ע ם!

אונטערהערטער ארויסטריט פון א דייטשע פירמע

(סוף פון זייט 3)

דעם „אילוסטראָוואַני קוריער צאָדזיעננ" אָבגעדריקט א גרויסען א נ אַ נ ס „אַטאַ" פון דער זעלבער דייטשער פיר-מע פערסיל-הענקאַ, העלפענדיג אזוי-אַרום פערשפּרייטען און פּאָפּולאַריזירען די דאָזיגע דייטשע אויסאַרבייטונגען אין פּוילען.

אָט אַזוי זעהט אויס דער פּאַטריאָ-טיזם פון „דזיען-דאָברי", וועלכער האָט שטענדיג וואָס אויסצוזעצען געגען יודען: אַז דאָ זענען זיי נישט ריין, אַז דאָ זענען זיי נישט קיין לאָיאַלע און פּאַטריאָטישע בירגער. שטראָפט אַנדערע און פלאַפּעלט הוילע ליגענס. און אַליין איז ער געכאַפּט אין דער מעשה. אין זעלבען זונטאָג-נומער, וואו ס'איז גע-דרוקט לארכו ולרחבו דער גרויסער אַנאָנס פון דער דייטשער פירמע, וועל-כע פאַלט אָן אויף פּוילען אויף א ני-דערטרעכטיגען אופן, צעלאָזט זיך ווי-דער „דזיען-דאָברי" מיט זיין אַנטיסע-מיטישען מענה-לשון געגען די ראַ-דאָמער אידען, אַז זיי צייכענען נישט ווי געהעריג אויף דער מלוכה-הלוואה, מאַכענדיג זיך תמ'עוואַטע פון צעהנד-ליגער טויזענדטער זלאָטעס, וואָס ראַ-דאָמער יודען האָבען שוין געצייכענט. אָדער, אַז אופן וואָהעל, וואו אידען האַנדלען מיט פּאָמעראַנצען ברויכען זיי געהן אָנגעטוהן הענטשקעס אויף די הענד און מאַסקעס אויף די פּנים'ער, מחמת ריינקייט-טעמים.

מיר וואָלטען דעם דזיען-דאָברי גע-ראַטען, אַז ער זאָל זיך בעסער אָבריי-ניגען פון די געלד-פערדינסטען פון יענער-דייטשע פירמע, וועמענס אַנאָנ-סען ער דריקט בכבוד גדול, סטעמפּלענ-דיג זיך אַליין אַלס פערטרעטער פון פּוילען. אַלס ערליכער פּאָליאַק און אויפריכ-טיגער פּאַטריאָט, וואָלט דער „דזיען-דאָברי" בעסער געטוהן, ווען אַנשטאָט דריקען יענעם דייטשען אַנאָנס, וואָלט ער אָבגעדריקט דעם זעלבען נאָטיץ וואָס אין „אי-קא-צע", און אויך אויפ-געהערט מיט זיינע שקרים אויף יודען.

ארץ ישראל גיסט קרבנות אין בלוט

פון אייך פערלאַנגט זי קרבנות אין געלד,
שטאַרקט און קרעפטיגט דעם מפעל קרן-היסוד!

ווער זענען די יודישע קאנדידאטען צום נייעם שטאדט-ראט.

דריי יודישע ליסטעס: א בירגערליכע, א פועל-ציוניסטישע און א בונדישע — די האנדווערקער גיבען מעשר: א טייל געהט מיט'ן בירגערליכען בלאק און א טייל געהט מיט'ן בונד — אין וועלכע וואהל-קרייזען וועלען צו-מייסט קעמפען די דריי ליסטעס — רעוויזיאניסטען שטעלען ארויס א אייגענע ליסטע.

וואס מען הערט מכח מאנדאטען, קאנדידאטען אויף אונזער יודישער גאס — וועגען דעם שווייגט דערווייל דער פסוק. ס'הייסט, אז שווייגען טווייגט מען אייגענטליך נישט. עפעס טוט זיך דארט יא הינטער די קוליסען. עס רודערט זיך און מען מאכט קאלקולאציעס, קאמבינאציעס. מען קנעלט וועגען הלכות וואהל-געאגראפיע, וואהל-סטראטעגיע בלאקען, קאנסאלידאציעס — מען שלאפט נישט. דער עולם שטעהט אויף דער וואך און ווער ס'זוכט א בענקעל אין נייעם שטאדט-ראט, שטעהט נישט ליידיק, נאר ארבייט טאקע אויף אלע כלים, אז ער זאל געהאלפען ווערען מיט א מאנדאט און ער זאל חלילה נישט בלייבען זיצען אין דער היים א פערשעמטער.

מ'קאן טאקע נישט זאגען, אז ס'איז איגאנצען שטיל. ווי געזאגט, שטעהען נישט אונזערע צוקונפטיגע פארשטעהער, אונזערע פאסטוכער, אונזערע פירער מיט קיין ליידיגע הענד. מען ווייסט נאר נישט פארלויפיג ווער ס'ארבייט און וואו! די געהיימע דיפלאמאטישע קענמערענצען קומען פאר. אלץ ווערט דערווייל געמאכט בסוד, קאנספיראטיוו, כדי דער געגנער, דער „שונא" זאל זיך נישט דערוויסען פון די פלענער, פון די הויך-פאליטישע שאך-צוגען.

האבען מיר טאקע נישט קיין עצה און מיר מוזען ווארטען, ווען די פאהר-האנג וועט זיך אויפהויבען און מיר וועלען דערזעהן די נייע אויסדערוועהלטע, ריכטיגער ג ע ז א ג ט, די נייע, אדער אפשר אויך די אלטע קאנדידאטען אויף געוועהלט צו ווערען.

דערווייל קענען מיר דיענען אונזערע לעזער מיט אינפארמאציעס, וואס מיר ה א ב ע ן געשעפט מפי השמיעה פון דער ערשטער קוועלע, ס'הייסט פון די „וואהל-שטאבען".

דער „בונד" האט זיך געזאלט אט, אט פעראייניגען מיט די לינקע „פועלי-ציון". איז אבער געווען א שטער אין ש י ד ו ך מחמת דעם, וואס דער „בונד" האט נישט געוואלט אריינ-נעמען אין שותפות די רעכטע פועלי-ציון. דאס זעלבע איז אויך געווען מיט די רעכטע „פועלי-ציון". אויך זיי זענען מיטן „בונד" נישט שוה בשוה. צווישען אט די צוויי פארטייען איז גאר א שטארקער ברוגז און מ'וויל זיך בשום אופן נישט מישען. ביידע זענען שטארקע פארטיי-חסידים און זיי עסען נישט געבראקס אפילו א גאנץ וואכעדיק יאהר.

די לינקע „פועלי-ציון" זענען געשטאנען אין דער מיט: צווישען „בונד" א ו ן ד י רעכטע „פועלי ציון". מיט זיי האט יעדער זיך געוואלט מתחתן זיין, אבער די פראגע איז געווען וועלכע כלה קלויבט מען אויס? האבען די לינקע פ. צ. טאקע בעשלאסען צו פעראייניגען זיך מיט ד י רעכטע פ. צ. ווי ס'זאל נישט זיין, זענען זיי פארטייאיש נאהענט צו זיך. טאקע צוויי בעזונדערע פראגראמען, אבער ארץ-ישראל, ציון איז אויפגעשריבען אויף ביידעס פעהנער. חוץ דעם זענען נאך דא לאקאלע טעמים, וואס די לינקע מיט די רעכטע פועלי-ציון געהען דא אין ראדאם צוזאמען אין איין בלאק. אויך ביי די קהלה-וואהלען זענען זיי געווען בלאקירט.

ווי מען הערט, איז נאך געווען איין מניעה, וואס די לינקע פועלי-ציון מיט'ן בונד האבען זיך נישט פעראייניגט. דאס איז געווען דערפאר, וואס דער בונד האט געפאדערט די ערשטע ערטער אויף דער ליסטע.

די לעצטע שורה: די לינקע געהען מיט די רעכטע פועלי ציון און דער בונד האט אנשטאט די לינקע פ. צ. אנ'אנדערען פארטנער: די האנדווערקער פון רווינסקא 1.

מיט די האנדווערקער פון רווינסקא 1 איז אזא מעשה:

אויף דער ערשטער זיצונג אין גמינע פון בירגערליכען בלאק, האבען די האנדווערקער פון רווינסקא אויסגעדריקט זייער איינשטימיגקייט אנצושליסען זיך מיט יענעם בלאק. היות אבער אין דער צווישען-צייט איז פארגעקומען נייעס אויפ'ן גמינע-פראנט און ס'איז ארויף א נאמינירטע פערוואלטונג פון 5, וועלכע האבען עלעמינירט די פארשטעהער פון רווינסקא — האבען די לעצטע בעשלאסען אלס פראטעסט ארויסצוטרעטען פון בירגערליכען וואהל-בלאק צום שטאדט-ראט.

אייגענטליך איז א ביסעל קשה, וואס פאר א שייכות האבען די וואהלען צום שטאדט-ראט, צו דעם פראוויזאריום אין גמינע? דאס איז טאקע א פראגע, וועלכע לאזט זיך אבער פערענטפערען אט ווי אזוי:

אין גמינע-פראוויזאריום געהען אריין 2 פון מזרחי, 1 ציוניסט און 2 האנדווערקער פון וויטאלדא 10. דעם צוזאמענשטעל האט געשאפען דער ה' יונה זילבערבערג, וועלכער איז פון דער מאכט נאמינירט געווארען אלס גמינע-קאמיסאר און פון איהם איז טאקע געווען אבהענגיג, וועמען ער וויל זיך אויסקלויבען אלס מיטארבייטער און מיטהעלפער אין גמינע. איז דעריבער, אזוי ווי דער ה' זילבערבערג האט געמאכט אנ'אונטערשיד פון וויטאלדא ביז רווינסקא, הגם די לעצטע האט שוין בעשטאנען מיטצוארבייטען אין וואהל-בלאק צום שטאדט-ראט, מיט איהרע געגנער פון וויטאלדא — איז אויב דאס האט געקענט אזוי געשעהן, אז וויטאלדא זאל פאווארזירט ווערען און מיט רווינסקא זאל מען זיך נישט רעכענען, — האט רווינסקא זיך אבגעריסען פון בירגערליכען בלאק, פון וועלכען איינער פון די שפּעפער איז אויך דער ה' זילבערבערג, און וואו ס'זענען אויך פערטרעטען די האנדווערקער פון וויטאלדא.

אלזא ביים היינטיגען טאג זענען שוין דא דריי יודישע ליסטעס: א בירגערליכע, א פועלי-ציוניסטיש (רעכטע און לינקע) און א בונדישע.

די קאנדידאטען פון דער בונדיש-האנדווערקערישער ליסטע זענען, ווי מיר הערען: אברהמעלע פינקעלשטיין קראקאווסקי, וו. פייגענבוים, סאווע, שטיינאוויטש, שמואל וויינשטאק.

דער ארבייטער-בלאק פון די פועלי-ציון-פארטייען און פראפעסיאנעלע פעראיינען, שטעלט ארויס פאלגענדע קאנדידאטען אויף די ערשטע ערטער: משה קירשענבלאט, גלאט, אדוו. טאוב, צימבאליסט, האפמאן, האכגלאבער, סטאשעווסקי.

וואו און אין וועלכען קרייז יעדער פון די דערמאנטע וועט קאנדידירען — איז נאך נישט פעסטגעשטעלט.

דאס זעלבע איז מיט'ן בירגערליכען בלאק, וועלכער שטעלט ארויס די קאנדידאטען פון: יונה זילבערבערג, לייביש מענדעל זיסערמאן, ד"ר פאסטמאן, בארמייסטער, מיכאל ריכטמאן, בלויז פון די לעצטע דריי הערט מען למשל, אז מיכאל ריכטמאן זאל געהן אויפ'ן ערשטען ארט אויף דער בירגערליכע ליסטע, אין 2-טען וואהל-קרייז: שוהל גאס און די ארומיגע גאסען.

אין 6-טען וואהל-קרייז, צו וועלכען עס געהערען די גאסען: זשעראמסקי וויטאלדא, נאוואגראדסקא א. אנד. זאלען פון זעלבען בלאק ארויסגעשטעלט ווערען ד"ר פאסטמאן און בארמייסטער. ס'וועלן אזוי-ארום קעמפען צווישען זיך צוויי קאנדידאטען פון בירגערליכען בלאק, וואס יעדער פון זיי וועט וועלען ציהען א גרעסערע צאהל שטימען.

ווי מ'זעהט, האט דער בירגערליכער בלאק שוין איינגעטיילט ערטער פאר 5 קאנדידאטען, אלע געוועזענע ראטמענער. פון די קאנדידאטען פון ציוניסטען, רעוויזיאניסטען, אינדוסטריעלער און קליינהענדלער-פעראיין, וועלכע געהען אויך אריין אין בירגערליכען בלאק — פון זיי הערט מען נישט פארלויפיג, וואו זיי ווערען ארויסגעשטעלט. ס'איז בכלל א פראגע, צי זיי וואלטען געצויגען מאנדאטען נאכדעם ווי די ערשטע 5 זענען שוין בעזעצט אויף די מעהר-ווייניגער זיכערע ערטער. ווארום ס'איז זיך נישט משער צו זיין אז דער בירגערליכער בלאק זאל ערווערבען נאך מעהר ווי 5 קאנדידאטען. די שאנסען פון די 5 זענען נאך אויך אביסעל נעבעלהאפט. ווי ס'זאל אבער נישט זיין וועלען די 5 פון דער אלטער גווארדיע פיהרען א קאמף פאר זייערע חזקה-מאנדאטען.

דער בירגערליכער בלאק שטעלט א פנים אויף דער פאפולאריטעט פון די געוועזענע ראטמענער און אויף זייערע פערדינסטען פאר די וועהלער-מאסען. דעריבער האט מען זיי געשטעלט אויף די פאדערשטע פאזיציעס. ביי די פראלעטארישע ליסטעס זעהט מען פארדאס כמעט בלויז נייע פנים'ער. די וואהלען דארפען זיין דער עגזאמען, וואס זאל בעווייזען, וואס עס אימפאנירט מעהר די וועהלער: די אלטע, צי די נייע.

דער גרעסטער קאמף צווישען די דריי יודישע ליסטעס וועט זיך אבשפילען אין די וואהל קרייזען: 4, 6, 7, 2, 3, 11. וועלכע נעמען ארום די גאסען: ווארשאווער, קאשאראווע, רווינסקא, זשעראמסקי, וויטאלדא, נאוואגראדסקא, וואהעל, זאמלינע, קיילעכדיגער מארק, סקארשעווסקי, טשאכאווסקי און זייערע נאהענטע געגענדען.

ווי מיר ווערען אין דער לעצטער מינוט געוואהר, וועט די ראדאמער נ. צ. א. (רעוויזיאניסטען) צו די שטאדט-ראט וואהלען ארויסטרעטען מיט אנ' אייגענע ליסטע און וועט נישט געהן צוזאמען מיטן בירגערליכען בלאק.

קליינהענדלער=פערבאנד, שטייט-צו צום בירגערליכען בלאק, אבער ער פאדערט א מאנדאט פאר זיך.

אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג, זונטאג, אין קליינהענדלער-פעראיין, איז געקומען א גרעסערער עולם מיטגלידער, פון בערך 200 פערזאהן.

די פערזאמלונג האט געעפענט דער פרעזעס ר. האלצקענער, וועלכער האט ערטיילט דאס ערשטע ווארט דעם פארשטעהער פון היגען קאמיטעט פאר דער הלוואה פון לופט-פערטיידיגונג אנושעוויטש, נאך זיין רעפעראט איז אנגענומען געווארען א געהעריגע רעזאלוציע.

ה' האלצקענער האט ערקלערט, אז דער ספעציעל געגרינדעטער קאמיטעט ביים פעראיין וועט פערזענליך בעזוכען די מיטגלידער און קאנטראלירען, צי זיי האבען סובסקריבירט און וויפיעל.

עס ווערט דערנאך אלס פארזיצער פון דער פערזאמלונג געוועהלט דער מיטגליד פון דער ווארשאווער עקזעקוטיווע, ה' נייפעלד, ביי דער בייזיץ פון די אסעסארען, וויכטעל, אסטראוויעצקי, גוטשטאט, מ. מארגאלעס.

עס גיעט אן א בעריכט פון דער ביז-איצטיגער מעטיקייט דער פרעזעס ר. האלצקענער, וועלכער שטעלט פאר די אבגעטוענע ארבייט אויף פערשידענע געביטען. אזוי למשל זענען אונטערגענומען געווארען פערשידענע אינטערווענצען ביי דער מאכט, אלגעמיינע און אינדיווידועלע; עס זענען דורכגעפיהרט געווארען פילמאליגע אקציעס וועגען האנדעלס-שעה'ען פאר פיוויארניעס, סאדעוואסער-געוועלבער, שילדען-אקציע, באיקאט-אקציע, א. ז. וו. עס האט זיך פערשטארקט די טעטיגקייט פון סעקרעטאריאט, וואס בעווייזט די גרויסע צאהל אינטערעסאנטען.

פון די אינערליכע פעראיינס-ארבעט, געהט ה' האלצקענער איבער צו די וואלן פון קומענדיגען שטאדט-ראט. דער רעדנער האלט, אז אין שטאדט-ראט האבען די סוחרים נישט געהאט קיינעם, וואס זאל זיין בכח צו פערטיידיגען זייערע אינטערעסען. דעריבער מוזען זיי איצט זיין פעראינטערעסירט, אז דער אויסגאנג פון די וואהלען זאל אויספאהלען אזוי, אז אויך זייער פארשטעהערשאפט זאל זיך ארויסזעהן. די וואהלען קומען פאר אין א צייט, ווען די גאנצע ווירטשאפט וועט ווערען רעגולירט דורך די מאגיסטראטען בכלל.

דער אויספיהר פון ה האלצקענערס רעדע איז, אז די אלגעמיינע פערזאמלונג דארף נעמען שטעלונג אין דער פראגע פון די וואהלען צום שטאדט-ראט.

עס גיבען אן בעריכטען: פון דער גמילת-חסד-קאסע — ז. ווענגער; פון דער רעוויזיאנ'ס-קאמיסיע — מאטעל קארמאן; בראנזשען-ארבייט — האלצקענער.

אויף די קריטישעבעמערקונגען פון ה' פ. פרידמאן, ענטפערט דער ה' האלצקענער.

צום שלוס נעמט א ווארט דער פארזיצענדער ה' נייפעלד, וועלכער האלט א געלונגענעם רעפעראט וועגען דער יודישער לאגע אין פוילען און קומט צום אויספיהר, אז טראץ דעם, וואס דער יודישער מצב איז עטוואס פערלייכטערט, דאך מוז מען זיך ארגאניזירען פאר די געפאהרען, וועלכע דראהען מצד געוויסע קרייזען.

ה' נייפעלד געהט דאן איבער צו די וואהלען פון שטאדט-ראט און ווייזט-אן אז דער מאגיסטראט ווערט היינט א פאקטאר אין רעגולירען דאס ווירטשאפטליכע לעבען. אפילו איבער דער שחיטה וועלן קירצליך האבען צו-זאגען די מאגיסטראטען.

עס ווערט אנגענומען א רעזאלוציע, אז דער קליינהענדלער-פעראיין געהט צו די וואלען פון שטאט-ראט און וועט זיך פעראייניגען מיט'ן בירגערליך-דעמאקראטישען בלאק. דערביי מוז אונבעדינגט בעוואהרענט און פערזיכערט ווערען איין מאנדאט אין שטאדט-ראט.

דער לעצטער פונקט פון טאג-ארדנונג איז געווען וואהלען פון א פערוואלטונג.

עס זענען געוועהלט געווארען די ה"ה: רפאל האלצקענער, אברהם וויכטעל, מרדכי קארמאן, יעקב פרידענטאל שמעון גלאזמאן, זיגמונט ווענגער, שלמה הערשבערג.

פערטרעטער: מאיר קאצמאן, יצחק בערגער, פסח גרינבוים.

אין דער רעווידיר-קאמיסיע זענען געוועהלט געווארען די ה"ה:

דוד ווייספוס, שלמה הימעלפארב, חיים קויפמאן, יחיאל פרידמאן.

אין דער גמילת חסד-קאסע די ה"ה:

משה הירשבערג, משה לעבעדיגער, חיים וואלף זילבערבערג, נתן שידלאווסקי, פנחס אורבאס, יצחק בערנעמאן.

שוין די צווייטע וואך דער קאנצערט פון שמעון באקמאן.

מיט צוויי וואכען צוריק האבען מיר שוין איבערגעגעבען אין אונזער צייטונג די פריידיקע ידיעה, אז אונזער בן-עיר, דער בעריהמטער פידל-ווירטואז, שמעון באקמאן איז איינגעלאדען געווארען קיין לוצערן אויף א פעסטיוואל. וואו ער וועט ארויסטרעטען צוזאמען מיטן וועלט-בארימטען ארטורא טאסקאניני און ברונא וואלטער.

מיר האבען אויך איבערגעגעבען, אז שמעון באקמאן קומט קיין פוילען און וועט אויך זיין ביי אונז אין ראדאם וואו ער וועט אויפטרעטען אויף א פייערליכען קאנצערט פארן היגען „טאז".

ביידע ידיעות האבען אין שטאט ארויסגערופען גרויס פרייד אזוי, אז מען דערווארט שוין מיט אומגעדולד דעם דאזיגען קאנצערט. איבערהויפט גרייטען זיך שטארק אלע מוזיק-ליבהאבער.

אויפן יעלבען קאנצערט וועלען אויך ארויסטרעטען דער בארימטער פיאניסט מ. וויינבערג און דער יונגער, אבער שוין באקאנטער וויאלענטשאליסט, איזאק באקמאן (א ברודער פון שמעון באקמאן).

אגב, איז כדאי צו באמערקען, אז דעם היינטיגען שבת און זונטאג קומט פאר אין קראקא א קווארטעטען-קאנקורס פון די פוילישע קאנסערוואטאריום'ס. אין וועלכען עס נעמט אויך אנטייל איזאאק באקמאן.

ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואס דער פייערליכער קאנצערט, וואס קומט פאר ביי אונז אין ראדאם דעם 29 אפריל ה. י. האט ארויסגערופען אזא גרויסען אינטערעס אין שטאדט.

פראצעס פאר נישט אויספיהרען די השגחה איבער פערנומענע סחורות.

אויף לעגיאנען - פלאץ (רינעק) האט געהאט א געשעפט פון שוסטער-צודאטען א געוויסער יוסף ווייסמאן. אזוי ווי ווייסמאן האט א לענגערע צייט נישט געצאהלט די חובות דעם בעל-הבית יוסף ראזענבלאט, האט דער לעצטער איהם געמאכט א „זאיענטשע" אויף די סחורות וואס האבען זיך געפינען אין געשעפט, די סחורה האט דער קאמארניק קוביצקי איבערגעגעבען אויף השגחה דעם ה' שלמה ציטרין, וועלכער האט אויף דעם מסכים געווען און האט זיך דערויף אונטערגעשריבען.

שפעטער, ווען דער קאמארניק פאקטאוויטש איז געקומען מאכען א ליציטאציע, אויף די סחורות, האט ער שוין אין געשעפט גאר נישט געפונען, ווייל אין דער צייט האט וו. די סחורה ארויסגעטראגען.

דער קאמארניק האט פערפיהרט א פראצעס געגען שלמה ציטרין פאר נישט צו-היטען די סחורות.

דער פראצעס איז פארגעקומען אין שטאט-געריכט, וואו דעד בעשולדיקטער ציטרין האט ערקלערט, אז ער איז איבערהויפט אין געשעפט נישט געוועזען בעת דער „זאיענטשע" און האט אפילו נישט געוואוסט, אז זיין אונטערשריפט האט אזא גרויסע בעדייטונג. די 2 קאמארניקעס פאקסאוויטש און קוביצקי און אויך דער געליטענער ראזענבלאט האבן מיט זייער עדות-זאגען בעלעסטיגט דעם בעשולדיקטען.

צוליב דעם וואס צום פראצעס זענען נויטיג געוועזען די אקטען פון קאמארניק קוביצקי, איז דער פראצעס אפגעלעגט געווארען אויף דעם 27 אפריל ד. י.

אר.

KINO APOLLO

ביז זונטאג דעם 16 ה. מ.
הערליכער פראגראם
דאס מייסטער-ווערק פון געניאלען רעזשיסער
דווויוויער
גרעסטער פילם פון היינטיגען סעזאן
א. נ.
Wielki walc
אין די הויפט-ראלען:
פערנאנד גראווער, מ. קאריוס
לואיזא ראינער

גרויסער פריהמארגען פראגראם
א שפאנענדער פילם
Orły morskie
אין די הויפט-ראל
אליווא דע האווילאנט און דזשארש ברענט
Od Poniedziałku
א שענער פילם
Cztery córki

KINO APOLLO

פון קליינהענדלער-פערבאנד. קאמוניקאט.

אין צוזאמענהאנג מיט דער אויס-טונג פון הכנסה-און אומזאץ-שטייער פארן יאר 1938 אויף אלגעמיינע יסודות און ריטשאלט פון אומזאץ און צום ער-שטען מאהל אייך פאר הכנסה-שטייער אויפן יאהר 1939-1940 ווער זונטאג דעם 23-טן 6 אווענט פארקומען א אויי-סערגעוועהנליכע פארזאמלונג פון אלע מיטגלידער און אלע בראנזשעס.

די בארירטע פראגען זענען זעהר אקטועל און וויכטיג. עס ליגט דארי-בער אין אינטערעס פון אלע מיטגליי-דער אומבאדינגט צו נעמען אנטייל אין די אויבענדערמאנטע פארזאמלונג.

ערעפענונג פון קרן-היסוד-קאמפיין אין ראדאם

מארגען שבת-צונאכטס קומט פאר אין צוזאמענהאנג מיט דער פייערליכער ערעפנונג פון קרן-היסוד-קאמפיין, א מסיבה, אין לאקאל פון דער אלגעמיי-ציוניסטישער ארגאניזאציע (טראוגוטטא 55) מיטן אנטייל פון די חשוב'ע געסט, פרעזעס פון דער ציוניסטישער ארגא-ניזאציע אין פוילען אדוו. הארטגלאס און רעד. נ. גערבאווסקי, דעלעגירטע פון דער קרן-היסוד-צענטראלע.

עס איז צו האפען, אז אין דער איצ-טיגער אחריות'פולער שעה, ווען ער וויגט זיך דער גורל פון יודישען פאלק און יודישען לאנד, וועט דאס יודישע ראדאם אויפנעמען די עסקנים בסבר פנים יפות און זיך בעשטייערען מיט געהעריגע סומעס אויפן קרן-היסוד—כופר העם, וואס האט א קאלאסאלע אויפגאבע פארן אויפבוי אין שוץ פון יודישען ישוב אין ארץ ישראל.

פון אידישען ספארט אין ראדאם.

„נאפזשוד" — „יוטזשניא" 4:0 (2:0)

שבת איז אויפ'ן ספארט-פלאץ פון אלטען גארטען פארגעקומען א מא-גיסטראט-מעטש ווענען „ב" קלאס צווי-שען די 2 ארבייטער פוטבאל-מאנשאפ-טען „נאפזשוד" און „יוטזשניא".

דער מעטש האט זיך פערענדיגט מיט א זיעג פאר „נאפזשוד" 4:0 ביז דער פויזע 2:0 (איין גאל איז געקומען פון א שטראף-שאס).

„יוטזשניא" האט בלויז געשפילט די ערשטע 20 מינוטען, שפעטער גאר שוואך און אפילו נישט אויסגענוצט די איינציגע מעגליכקייט צו שיסען א עהרען-גאל פון א שטראף-שאס.

ריכטער — ה' פאמין.

ר.ק.ס. „הפועל" 3:3 (0:2)

לעצטענ'ס איז פארגעקומען א פריינדשאפט'ס - מעטש צווישען דער יוניארען-סעקציע פון ר. ק. ס. ק. און דעם יודישען ארבייטער קלוב „הפועל" דער מעטש האט זיך פערענדיגט מיט א רעמיס-רעזולטאט 3:3 ביז דער פויזע האט דער יודישער קליב „הפועל" גע-פיהרט 0:2.

ריכטער — ה' סטאנישעווסקי.

אר.

ווילט איר האבן סאלידע ארבייט
ווילט איר האבן הערליכע דרוק
מיט די נייעסטע מאדערנע שריפטן
צו ביליגע פרייזען
100 וויזיט קארטן 1 זל.
בעשטעלט נור אין דרוקעריי
פון ד. שיינבוים
ראדאם, זשעראמסקי 21

ŻĄDAJCIE TYLKO „RIKSZA" GUM..? JEDWABNE

בעקאנטמאכונג
איך מאך בעקאנט, אז מיין פראצאווניע וואס געפינט זיך אויף מאניושקי 21, איז פערזעהן אויפן הייגטיגען סעזאהן מיט די נייעסטע
מאדעלען אויף
דאמען-פאלטענס און קאסטיומען
און אנד. ארבעט.
סאלידע בעהאנדלונג, פינקטליכע אויספיהרונג צוגענגליכע פרייזען
מיט אכטונג
העלפאנט מאניושקי 21

פון תלמוד - תורה הכללית

די יעצטיגע פערוואלטונג פון תלמוד-תורה הכללית האט מיט גרויס אינטענ-סיוויטעט און ענערגישער ארבייט אוועקגעשטעלט די תלמוד-תורה אויף רעאלע יסודות און פון ראש חדש אן איז די תלמוד תורה אפען און די למודים קומען פאר רעגולער. עס זענען שוין פערשריבען לערך 300 קינדער. עס איז אויך אנגאזשירט געווארען א פאכמענישער מנהל, וועלכער וועט האבען די השגחה איבער די למודים וואס בעשטעהן פון לערנען תנ"ך, עברי און אויך גמרא. טראץ די גרויסע פעראינ-טערסירונג וואס די ברייטע יודישע מאסען ווייזען ארויס לעצטענ'ס פאר תלמוד-תורה, זענען נאך דא הונדערטער מענשען, וועלכע האבען זיך גאך נישט פערשריי-בען אלס מיטגלידער. דעריבער אפעלירען מיר צו די דאזיגע זיך צו פערשרייבען אלס מיטגלידער און ביי יעדער געלעגענהייט צו געדענקען אין דער דאזיגער היי-ליגע אינסטיטוציע, וואו הונדערטער ארימע קינדער און יתומים בעקומען רעליגעזע לעהרע, ערציהונג און אויך מיטאגער. די לאזונג פון „עשה למען תינוקות של בית רבן" דארף זיין די אקטועלע פון געזעלשאפטליכען לעבען אין ראדאם. אזוי ארום וועט איהר מיטהעלפען מיר זאלען קענען אוועקשטעלען די תלמוד תורה אויף א הויכען ניווא.

די וואס האבען מנדר געווען פאר די „הזכרת נשמות" - אקציע, אדער „מלבוש ערומים"-אקציע ווערען געבעטען דאס איבערצוגעבען דעם פרעזעס פון ת"ת, הרב דפה שליט"א.

„עץ חיים למחזיקים בה ותומכי' מאושר"

ועד התלמוד-תורה הכללית.

40 זייגערלעך און 11 בעכערלעך האבען גנבים „געפונען" אויף א בוידעם

ביים יובילער ישראל גלאנצשפיגעל, שפיטאלנא 7 איז אויסגעפיהרט געווארען א גניבה. די גנבים האבען זיך דערוויסט אז אויפ'ן בוידעם האט דער ה' גלאנצ-שפיגעל אוועקגעלעגט אויף א בעהאלטען ארט זייגערלעך מיט זילבערנע בעכערלעך. דאס האט די גנבים זעהר געשמעקט און זיי האבען זיך ארויפבעקומען אויפ'ן בוי-דעם, וואו זיי האבען אזוי לאנג געניש-טערט און געזוכט, ביז זיי האבען גע-פונען ערגיץ בעהאלטען א פעקעל מיט 40 זייגערלעך און 11 בעכערלעך.

ה' גלאנצשפיגעל האט חושד געווען היימישע מענשען, ווייל ער האט זיך נישט געקענט פארשטעלען, אז גנבים זאלען סתם אזוי פון זיך אליין טרעפען אויפ'ן בוידעם, נישט זייענדיג פריהער אינפארמירט פון עמיצען, א נאהענטן, וועלכער האט איהם נאכגעשפיאנירט, אדער צופעליג בעמערקט, ווי ער לעגט אוועק דאס פעקעל אויפ'ן בוידעם.

ה' גלאנצשפיגעל האט געמאלדען וועגען דער גניבה אין דער פאליציי און אויך אנגעוויזען וועמען ער איז חושד.

די פאליציי האט שנעל ענטדעקט די זייגער„מאכער'ס" און די „בענטשער'ס" פון די קידוש"בעכער'ס. דאס זענען געווען יאנקעל קאלכמאן און מענדעל שעפסמאן. ביידע זענען ארעסטירט געווארען און זייער פראצעס איז פארגעקומען היינטיגע וואך אין שטאדט-געריכט.

קאלכמאן איז פעראורטיילט געווארען אויף 2 יאהר תפיסה און 20 זל. שטראף; שעפסמאן אויף אנדערטהאלבען יאהר און 50 זל. שטראף.

ZAWIADOMIENIE
Podajemy do wiadomości Szanownej Publiczności, iż z dn. 14/IV b.r. została otwarta w Radomiu przy ul. Słowackiego 18 Filia znanej Warszawskiej Pralni Chemicznej
S. Holcmana
(Firma egz. od 1888 r.)
Specjalność: Chemiczne pranie na sucho,
Jedynie nasza pralnia pierze w Radomiu kołnierze ze srebrzystym połyskiem po 12 groszy.
Robota solidna,
Wykonanie punktualne.
Ceny przystępne.

Lustra
Szkła szlifowane
nietłukące
poleca „Szyboszlif" sp. z. o. o.
Radom, Żeromskiego № 20
Tel. 23 - 20

פון היגיענישעמאטראצען און אויטאמאטישע טאפטשאניס אין דער פירמע
„היגיענא" וואהל 5 (Bernardynska) ראדאם
עס ווערן אויך אנגענומען צו דער ארבייט אייזערנע בעטלעך, וואו מ'קאן אריינפאסען אונזערע שאטקעס
אויף זעהר ביליגע פרייזען!
מיר בעהטען אלע קליענטען פון רינעק 6
ווענדען זיך אויף דעם נייעם אדרעס.

גאלוואניזיר-אנשטאלט און מעכאנישע שלייפעריי
נעמט אן צו שלייפען פאלגענדע מכשירים:
1) פריזירער-מכשירים: בזשיטוועס, שערלעך און האר - מאשינקעס.
2) מעסערס, שערן, מאשין-מעסערס אין חלפים.
3) אלערליי דענטיסטישע און כירורגישע מכשירים.
צו ניקלען טיילען פון:
ראווערען, אויטאבוסען און דאקטארסקע מכשירים.
צו זילבערן:
לעפל, גאפל, מעסער, לייכטערס א. ד. גל.
צו פאלירן:
פארשידענע מעטאלן אויף הויכגלאנץ.
סאלידע בעהאנדלונג!
גאראנטיע אויף הונדערט פראצענט

י. שטשערבאצקי זשעראמסקיעגא 21

Ideal — Jawa
Najsmaczniejsza domieszka do kawy z „dzwonkiem"

Kino ADRIA
Do niedzieli dnia 16 kwietnia rb.
„BIAŁY MURZYN"
w rol. gł. Wisznlewska, Ćwiklińska, Pichelski, Żabczynski, Węgrzyn
Od poniedziałku dnia 24 kwietnia rb.
Podwójny program
Dramat miłości i cierpień kompozytora w filmie »VERDI«
W rol. gł. Beniamino Gigli, Gaby Morlay
Wesoła komedia „Bitwa na Brodwayu"

Kino ADRIA
שבת און זונטאג
פריהמארגען - פילמע
Ulubienica publiczności
Shirley Temple
w filmie
„HEIDI"
Film dozwolony od lat 7

TARYFA OGŁ.: Na 1-szej stronie mm 1 szp. 40 gr; w tekscie mm 1 szp. 60 gr.; na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr.
1-szai ostatnia strona liczą 10 szpait
אבאנאמענטס פרייז: פאר א חודש אין פוילען זלאט אין פראנקרייך, בעלגיען 4 פראנק אין ענגלאנד לענדער 30 סענט.
Redaktor CH.M. HERC — tel. 15 - 18 .טעל — Wydawnictwo „Rademar Kielcer Laben" Szwarlikowska 20